בס"ד / שנה ו' / פרשת יתרו / נומער 301

# קרעטל




**איינמערקזאמקייט**
אברהם הערש וועבערמאן

**וואס זוכט אמעריקע אין גרינלאנד?**
גרשון קרעמער

**ברסלב'ע טעלעפאן ביכל**
עירנו

**זאג מיר אז דו ביסט דא פאר מיר**
משה ארי' שניצלער


## קשר חזק

**מיין ערשטע היסטארישע באגעגעניש מיט מוהרא"ש זי"ע |** אומאן ראש השנה צוואנציג יאר צוריק **| מיין ערשטע סיום הש"ס ביי מוהרא"ש זי"ע |** מיין שטארקע קשר מיטן ראש ישיבה שליט"א ביזן היינטיגן טאג **| לכבוד די יומא דהילולא פון מוהרא"ש זי"ע טוט מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו אויפוויקלען די זכרונות קאמערלעך פון זיינע בראשית יארן אין היכל הקודש ביזן היינטיגן טאג.**

בס"ד

פרשת
יתרו
תשפ"ו

**נומער**
**301**

שנה ו'

| | |
|---|---|
| **04** | שער בלאט |
| **06** | וועלטליכע נייעס |
| **08** | קהילה נייעס |
| **10** | עידנו |
| **12** | אלט און אלטמען |
| **13** | א ווארט צווי |
| **14** | הילולא קדישא |
| **20** | א בריוו פון ר"י |
| **22** | היכלה הלכה |
| **26** | פשרה'לאך |
| **28** | א מעשה פון א צדיק |
| **41** | קשר חזק |



















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב וייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס..

# בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938

כל הזכויות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב

פון טיפן הארצן טוען מיר
וואונטשן א הערצליכן ברכת

# מזל טוב

פאר אונזער טייערע חבר

## מו"ה העניך אינדיג הי"ו
## וזוגתו תחי'

חבר הנהלה פון 'קרן הדפסה'

## לרגל שמחת הלדת בתו למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן דו זאלסט זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער געזונטערהייט, און דו זאלסט האבן כח צו קענען ווייטער משמש זיין דעם רבי'ן און פארשפרייטן דעם רבי'נס עצות פאר די גאנצע וועלט.

וואונטשט,

## הנהלת קרן הדפסה

*sruliHeskel

# שער בלאט

ראדאקטארישע אריינפיר צום בלעטל

אברהם הערש וועבערמאן

# אויפמערקזאמקייט

פארגאנגענעם זונטאג פרשת בשלח, למספרם יאנואר 25, 2026, האט דער אמעריקאנער שטיין-קלעטערער אלעקס האנאלד, וועלכער איז וועלט-בארימט פאר זיין קלעטערן אויף הויכע און גאר געפארפולע פלעצער אן קיין שטריקן צוגעבינדן צו זיך, דורכגעפירט אן אויסערגעוועהנליכע אקציע ווען ער האט ארויפגעקלעטערט אויפן ריזיגן "טייפעי 101" געביידע אין טייוואן. האנאלד האט באוויזן דעם ספעקטאקל אינגאנצן אליין, אן קיין שום זיכערהייט שטריקן און דאס גלייכן, ער האט דאס געטון בלויז מיט זיין ענערגיע צו קענען באקומען אביסל אויפמערקזאמקייט.

טויזענטער, אויב נישט מיליאנען נארישע גוים האבן מיטגעהאלטן דעם געשעעניש "לייוו", אויך האט דאס צוגעצויגן טויזנטער צושויער וואס האבן אים מיט גרויס ענטוזיאזם צוגעשריגן פון אונטן. האנאלד האט אנגעהויבן אינטן פון דעם 508-מעטער (1,667 פוס) הויכן וואלקן-קראצער, און זיך ארויפגעדרוקט אויף איינע פון די ווינקלען פון די געביידע, ניצנדיג די קליינע "L" פארעמדיגע שפיצן אלס האלטערס פאר זיינע הענט און פיס.

עס האט אים גענומען בערך 91 מינוט אנצוקומען ביים העכסטן שפיץ פון די געביידע. ווען ער איז אנגעקומען צום סאמע אויבן, האט ער אויסגעשריגן מיט אן עקסטאז "אומגלויבליך", ארויסברענגענדיג זיין גרויסע פרייד און די הרגשה פון אפאטעמען נאך אזא שווערע ארבעט. שפעטער האט ער באשריבן דעם אויסבליק פון אויבן אלס "אומבאשרייבליך" און געזאגט אז דאס איז געווען "א הערליכע וועג צו זען טייפעי". האנאלד האט אויך באמערקט אז קלעטערן פאר א ריזיגע פריילעכע עולם איז פאר אים געווען א נייע עקספיריענס, וויבאלד זיינע געוועהנליכע רייזעס קומען פאר אין ווייטע מדבר פלעצער וואו קיין איין מענטש געפינט זיך נישט.

כאטש עס זענען שוין געווען איניגע קלעטערער וואס זענען ארויף געקראכן אויף טייפעי 101 אין די פארגאנגענהייט, איז האנאלד אריין אין די היסטאריע אלס דער ערשטער דאס צו באווייזן אן קיין שום שטריקן אדער שוץ-מיטלען. מיט דעם האט ער נאכאמאל באשטעטיגט זיין מעכטיגע נאמען אלס איינער פון די מערסט העלדישע "פרי סאלא" קלעטערער אין די וועלט. די דראמאטישע געשעעניש האט געכאפט די אויגן פון די גאנצע וועלט, א דאנק די לייוו און די ברייטע מידיא דעקונג איבערן גאנצן כדור העולם.

פארוואס שרייב איך דאס? איך בין נישט אין די ליין פון באשרייבן אזאנע סארט געשעענישן, אבער עס האט מיר שטארק געכאפט ווען איך האב געהערט אט די מעשה, ווייל דאס ווייזט וואס א מענטש איז אלץ גרייט צו טון פאר אביסעלע 'אויפמערקזאמקייט'. 'קוק אויף מיר', 'זאג מיר אז איך בין גוט', 'קיינער קען נישט דאס וואס איך קען'. ער איז גרייט פשוט צו גע'הרג'עט ווערן פאר דעם... אלעס פאר אביסעלע אטענשן.

מיר קענען נישט לאכן פון אים, ווייל מיר אלע זענען אינעם זעלבן מצב, נאר אויף א קלענערע פארנעם. יעדער געזונטער מענטש האט דער אייבערשטער באשאפן מיט אט דעם נאטור אז ער דארף אנערקענונג, און אויב ער וועט דאס נישט באקומען, וועט ער אנהייבן בונטעווען פון אלע זייטן, ביז דו וועסט כאפן דעם רמז וואס ער וויל.

ווען איינער באוואשט דיר און בלאזט אויף דיר, איז פשוט ווייל ער ווארט אויף דיין גוט ווארט, אויף דיין שמייכל, אויף דיין גוט מארגן, געב אים דאס מיטן גאנצן הארץ און געפיל, וועסטו זען אז אלעס וועט זיין מסודר.

יעצט אין די וואך פונעם יארצייט פון אונזער רבי מוהרא"ש זי"ע, איז וויכטיג דאס צו חזר'ן, ווייל דאס האט מוהרא"ש געוואלט פון אונז, מיר זאלן לעבן באחדות, געבן א שמייכל, א גוט ווארט איינער פארן צווייטן, און נישט ווערן באליידיגט ווען א חבר באליידיגט דיר, ווייל ס'איז נישט 'ער' וואס טוט דאס, ס'איז די אינסייט וואס שטופט אים דאס צו טון.

פארשטייט זיך אן תפילה וועט עס נישט גיין, בעט דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף איך זאל יעדעם קענען אנקוקן גוט, און אים ליב האבן מיטן גאנצן הארץ, איך זאל וויסן אז ער מיינט נישט קיין שלעכט."

*ויצא משה לקראת חתנו וישתחו וישק לו וישאלו איש לרעהו לשלום.*

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **חיים דוד ראזענבערג** הי"ו

וזוגתו תחי' יהודית תחי'

**צום שמחה פון א שידוך מיט א טאכטער למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך **נחת** פון דעם **קינד** און אלע **קינדער** געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **הענך אינדיג** הי"ו

וזוגתו רויזא תחי'

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך **נחת** פון דעם **קינד** און אלע **קינדער** געזונטערהייט.


בס"ד

כתר הליכות עולם לו...

בלויז $49 לחודש פאר די ראשון הבורר

# דער תעודה וואס דערציילט א וועלט




א וועלט פון הלכות.
א וועלט פון ידיעות.
א וועלט פון קנינים
פארן לעבן!

## א גאלדענע געלעגנהייט!




די אלע קינדער וואס שליסן זיך אן אין די טעג איין די **גאלדענע מתמידים פראגראם**, וועלן ערהאלטן **צוויי גאלדענע מתנות** בלויז פארן זיך איינשרייבן!

## הונדערטער קינדער לעבן שוין אין די וועלט פון הלכות.

## יעצט איז דיין צייט אנצוהייבן!

און די וועסט אויך קענען ערווייכן די געוואלדיגע קנינים פון גאנץ קיצור שולחן ערוך און סדרים משניות מיט די תרי"ג מצוות!

## שליס דיר שוין אן!

ילדי הלכה

פאר מער רופט די מתמידים טעלעפאון ליין

**718.506.9555**

ענגלאנד: 44.3305511775
אנטווערפן: 32.48422292
קאנאדע: 450.499.4400
ארץ ישראל: 0076.598.9055

# OFFICE SPACE FOR LEASE

39oldmonticello@gmail.com

646.938.2503

- PRIVATE ENTRANCE
- PRIVATE BATHROOM
- PERFECT FOR OFFICE OR SMALL RETAIL USE

CATSKILL PROFESSIONAL PLAZA

dovinogrp.com

# וועלטעלע



## וואס זוכט אמעריקע אין גרינלאנד?

דער שיטער באוואוינטער אינזל-לאנד גרינלאנד, האט זיך לעצטנס געטראפן אין צענטער פון די נייעס ווען פרעזידענט דאנאלד טראמפ האט נאכאמאל ארויסגעוויזן זיין אינטערעסע אינעם ארקטיק אינזל, א שריט וואס פילע האבן באטראכט אלס אגרעסיוו און פראוואקאטיוו.

גרינלאנד איז אן אויטאנאמישע טעריטאריע וואס באלאנגט צום קעניגרייך פון דענמארק. כאטש עס רעדט זיך פון א ריזיגע שטח לאנד, איז דאך די צאל איינוואוינער דארט נישט פיל גרעסער ווי די באפעלקערונג פון קרית יואל. די גאנצע חשיבות פון דעם ארט ליגט נישט אין איר גרויסקייט אדער אין די מענטשן וואס וואוינען דארט, נאר עס ווענדט זיך אין איר וויכטיגע סטראטעגישע לאקאציע. היות עס געפינט זיך טיף אריינגערוקט אינעם ארקטיק ראיאן, שפילט גרינלאנד א קריטישע ראלע אין די וועלט'ס זיכערהייט און מיליטערישע פארטיידיגונג סיסטעמען, ווי אויך פארן צוקונפט פון נייע ים-וועגן פאר שיפן און די מעגליכקייט צו געפינען דארט נאטורליכע אוצרות.

פרעזידענט טראמפ'ס פריערדיגע סטעיטמענטס איבערן "אפקויפן" גרינלאנד זענען דורך די גאנצע וועלט באטראכט געווארן אלס א נארישקייט. אבער ביי די לעצטיגע געשפרעכן אין שווייץ האט זיך ארויסגעשטעלט, אזוי ווי זיין טיפישן שטייגער, אז ער האט עס נישט ממש געמיינט. טראמפ האט שפעטער געמאלדן אז מ'איז געקומען צו א "פארשטענדעניש" און אז אמעריקע האט דערגרייכט אירע צילן, טראץ דעם וואס גרינלאנד בלייבט אינגאנצן אינדרויסן פון אמעריקאנער בעלות.

עס קוקט אויס אז וואס די פאראייניגטע שטאטן האט דא פארדינט איז נישט קיין נייע שטח, נאר ענדערש מער השפעה: א שטערקערע קאאפעראציע אין זיכערהייט ענינים, א ברייטערע צוטריט פארן מיליטער, און הבטחות אז פיינטליכע לענדער וועלן נישט קענען באקומען קיין דריסת הרגל אין דעם ראיאן. דענמארק און גרינלאנד האבן פון זייער זייט קלאר געשטעלט אז דאס לאנד שטייט נישט צום פארקויפן - א פונקט וואס עס זעט אויס אז יעדער איז מסכים דערויף.

פון דעם זעט מען ארויס די וויכטיגקייט פון די "לאקעישאן", דאס פלאץ וואו מ'געפינט זיך. עס קען זיין אז דו זעסט נישט קיין שום חשיבות אין דיר אליין, דו טראכסט ביי דיר: אנדערע טוען אויף אסאך מער פון מיר; מיינע חברים זענען פאפולער, מיין שכן איז א געוואלדיגער בעל כשרון, מיין ברודער איז א שארפער קאפ - און איך - וואס בין איך שוין ווערד? איך טו סך הכל מיינע טעגליכע פליכטן, איך דאוון, איך לערן, איך גיי אהיים צו מיין משפחה, איך בין גארנישט עפעס ספעציעל.

מיין טייערער ברודער, דער גאנצער חילוק ליגט אינעם פלאץ. וואו איז דיין קאפ? זע צו טראכטן פונעם אייבערשטן. פארוואס שטיי איך אויף אינדערפרי? פארוואס דאוון איך? פאר וועלכע תכלית לערן איך? פאר וואסארא סיבה געב איך זיך אפ מיט מיין ווייב און קינדער? אויב דיין "לאקעישאן" איז ביים אייבערשטן, דעמאלט ביסטו זייער חשוב און באדייטנד. אין הימל מאכט מען פון דיר גרויסע העדליינס. די נייעס-באריכטן דארט שרייבן מיט קידוש-לבנה אותיות איבער דיין ווארט תורה, איבער א קרעכץ וואס דו געבסט ארויס צום באשעפער. שאץ דיך נישט אונטער.

*אחי חזק ואמץ*

גרשון קרעמער




## צפון-מזרח ראיאן איינגעטונקען אונטער שווערער ארקטישער קעלט-כוואליע

מיר אלע האלטן מיט אין די לעצטע טעג די ציפעדיגע 'ארקטיק' קעלט-כוואליע וואס האט ארומגענומען אונזערע געגנט. דער גאנצער נארט-איסט ראיאן פון אמעריקע, אריינגערעכנט ניו יארק און ניו דזשערסי, גייט יעצט דורך גאר שווערע קאלטע טעג מיט טעמפעראטורן וואס מ'האט זעלטן ווען געזען אין די היסטאריע פון די געגנטער. וועטער עקספערטן זאגן אז מיר זענען נאכנישט אריבער די סאמע קעלטסטע טעג.

אין די לעצטע פאר וואכן איז די וועטערס געווען גאר קאלט, ווען אין אפסטעיט ניו יארק האט מען געהאט עטליכע נעכט מיט טעמפעראטורן אונטערן זערא. ווען די קעלט האט דערגרייכט צו פאלן מער ווי 10 דעגרי' אונטער זערא (וואס איז ‎-23 סעלסיוס).

אנפאנג האבן געוויסע זיך דערשראקן דערפון, אבער צוביסלעך געוואוינט מען זיך צו, מ'טוט זיך אן פיין ווארעם, מ'זעט צו האבן גוטע הייצונג זיך צו האלטן ווארעם אין די פראסטיגע קעלט.

בשעת מיר קוקן איבער די מיטלען וואס מ'דארף האבן כדי אויסצוהאלטן די ביטערע קעלט - מען קוקט איבער צי מען האט גענוג ווארעמע מאנטלען, שאלן, אויערן-שיצער און הענטשקעס, און מיר קוקן איבער די הייצונג סיסטעמען צו זיין פארזיכערט אז אלעס ארבעט געהעריג כדי די שטוב זאל בלייבן ווארעם - איז דאס אויך די פאסיגע צייט צו באטראכטן אונזערע שטובער צו זען אויב מיר קענען ביישטיין די שרעקליכע רוחניות'דיגע פראסטן און ווינטן וואס בלאזן ארום אונז.

דער הייליגער רבי האט געזאגט, אז פאר משיח וועט קומען, וועט זיין א שטורעם. נישט קיין שטורעם פון שניי, רעגן אדער ווינט, נאר א רוחניות'דיגע שטורעם.

מיר מוזן זיך צוגרייטן דערצו מיט די ריכטיגע "הייצונג סיסטעם". דער אייבערשטער האט רחמנות געהאט אויף אונזער דור, אז אין די זעלבע צייט וואס עס איז דא די טריפה'נע אינטערנעט, וואו יעדער לץ פארמאגט א מייקראפאן און שטעלט זיך אהער אלס דער ווארטזאגער פאר גאנץ כלל ישראל, זענען פארהאן הייליגע ספרים וואס זענען מפרסם און מגלה דעם אייבערשטן אויף אזא פארנעם אז מ'האט מיט וואס זיך צו דערווארעמען די ביינער.

אפילו די ווארעמסטע מאנטל איז גארנישט ווערד אויב ער בלייבט הענגען אין קלאזעט. וואס העלפט א פאראגעשריטענע הייצונג סיסטעם אויב דער טערמאסטאט איז אויסגעלאשן?



| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 06 | 25°/8° | | Snow Showers |
| Sat 07 | 12°/-4° | | Mostly Cloudy |
| Sun 08 | 11°/1° | | Partly Cloudy |
| Mon 09 | 19°/3° | | Partly Cloudy |
| Tue 10 | 18°/9° | | Mostly Cloudy |
| Wed 11 | 24°/10° | | Partly Cloudy |
| Thu 12 | 27°/15° | | Mostly Cloudy |
| Fri 13 | 27°/16° | | Snow Showers |
| Sat 14 | 28°/15° | | AM Snow Show |

דערפאר מוזן מיר זיך כסדר אויפפרישן און זיך מחזק זיין דורכ'ן לערנען יעדן טאג די ספרים ווי "אשר בנחל" און "עצתו אמונה", און אריינרופן צו 'קול ברסלב' צו הערן א חיזוק שיעור. דאס דינט אלס דער בעסטער אימיון-בוסטער צו קענען בלייבן ווארעם אפילו אין די סאמע קעלטסטע וועטערס.


פתיחת
מרכז
היכל הקודש
ברסלב
בארץ הקודש
טהרת הקוד
*sruliHeskel




ש ביז משיח וועט קומען

# אידנו

## טעלעפאן היכל

אין די יעצטיגע טעג ארבעט די הנהלה ארויסצוגעבן דעם יערליכן היכל הקודש טעלעפאן ביכל, וואס דינט אלע מיטגלידער פון די קהילה א גאנץ יאר.

דער ביכל איז צוטיילט אין צוויי חלקים, צום ערשט אויסגערעכנט אלע איינוואוינער פון קרית ברסלב, מיט די סעלפאן און היים טעלעפאן נומערן פון אלע טייערע חברים פון שטעטל.

אזוי אויך איז פארהאן אן אפטיילונג ווי אלע חברים וואס האבן ביזנעסער וועלן קענען ארויסלייגן די נאמען און טעלעפאן נומער פון זייער ביזנעס, אזוי אויך וועט די ביכל האבן אדווערטייזמענטס פון ביזנעסער וואס ווילן ארײנלייגן א פולע פעיזש.

דער ראש ישיבה שליט"א איז כסדר שטארק מעורר אז אנשי שלומינו זאלן זיך משתדל זיין צו געבן פרנסה איינער פארן צווייטן, און צו נוצן די ביזנעסער און סערוויסעס פון אנשי שלומינו, אפילו אין פעלער וואס מען קען אפשר טרעפן אביסל ביליגער ביי א גוי. בפרט אין שטעטל ווען אלע ביזנעס וואס קומט פאר צווישן אנשי שלומינו איז זה וזה נהנה, דא אינעם טעלעפאן ביכל וועט זיין די פלאץ ווי מען וועט קענען טרעפן אלע ביזנעסער וואס איז דא אין די קהילה.

די הנהלה בעט פון אלע טייערע חברים וואס האבן געטוישט נומער אדער אדרעס אדער האבן געעפנט א ביזנעס: מאכט זיכער אז אייער נאמען, אייער טעלעפאן נומער, און אייער ביזנעס פאלן נישט ארויס פונעם טעלעפאן בוך. אזוי אויך אויב ווילט איר ארײנלייגן אן אדווערטייזמענט און מיט דעם שטיצן די הנהלה און אין די זעלבע צייט זיכער מאכן אז אייער ביזנעס ווערט געזען אין אלע ברסלב'ע שטובער, ביטע פארבינדט אייך מיט די קהילה אפיס אויף 845-539-0018 אדער שיקט אן אימעיל צו BreslevPhoneBook@gmail.com זיכער צו מאכן אז עס גייט אריין אינעם "היכל הקודש" טעלעפאן בוך. רק תחזיקו ביחד.

## בנין התלמוד תורה

אזוי ווי אלע טייערע חברים ווייסן, ארבעט מען שוין די לעצטע צוויי דריי יאר אויף די קראס פארם לאט וואס געפינט זיך ביי קראס פארם און דענמען צו ווערן אפראוווד פאר א חדר, און די הנהלה לייגט אריין זייער שטארקע כוחות צו ווערן אפראוווד דורך אלע פארשידענע דעפארטמענטס. בערך א יאר און א האלב צוריק האט אויסגעקוקט אז עס גייט שוין ווערן אפראוווד און מען וועט קענען אנהייבן בויען בקרוב, אבער למעשה שיקט דער אייבערשטער אונטער פרישע זאכן כסדר אז מען זאל דארפן מתפלל זיין און דער בנין שלעפט זיך און שלעפט זיך.

ברוך השם אז ביזדערווייל האט מען פארגאנגענע זומער געבויעט נאך א שטאק ביי די בנין אויף טשעסטנאט, אזוי אז די קינדער זאלן האבן וואו צו לערנען און אראפגענומען די פרעשור וואס די חברי הנהלה האבן געהאט צו אנהייבן בויען אז די קינדער זאלן האבן ווי צו לערנען.

אין די לעצטע שטיק צייט האט די הנהלה זיך צוזאמגעזעצט און צוריק אנגעהויבן ארבעטן צו אפדעיטן די פלענער פאר די קראס פארם לאט, אזוי אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף זאל עס ווערן אפראוווד דורך אלע דעפארטמענטס און מ'זאל קענען אנהייבן בויען דעם בנין מיטן אייבערשטנ'ס הילף, אז די טייערע קינדערלעך זאלן האבן וואו צו לערנען.

טויזנט ווערטער




**חבר הנהלה מו"ה העניך אינדיג הי"ו ביים אנצינדן די פארשנייטע באסעס נאכן גרויסן שניי ב' בשלח**

## אינקאם טויש

עס איז וויכטיג פאר אלע חברים וואס האבן פוד סטעמפס אז ווען מען האט מער אינקאם ווי ווען מען האט געמאכט די אפליקעישיאן, זאל מען שיקן אן אימעיל מיט די נייע אינפארמאציע צו :

DSSNAP.UNDERCARE@SULLIVANNY.GOV.

דער אימעיל אדרעס איז בלויז פאר נישט וויכטיגע זאכן, אויב ווילט איר עפעס פון די אפיס איז די בעסטע אריינצורופן אדער אראפגיין פערזענליך.

## הקרי' געלט

אויב ווילט איר קויפן א הויז אין שטעטל דאן איז גאר ראטזאם אז איר זאלט געבן די הקרי' געלט ביי די ערשטע געלעגענהייט וואס שייך, און נישטווארטן ביז איר האלט שוין ממש ביים קויפן, וואס דעמאלט איז מען פארנומען מיט אסאך זאכן און עס קען פארשלעפן סיי די קאנטראקט און סיי די קלאוזינג.

עס איז גרינגער און בעסער צו געבן די געלט ווען מען האלט נאך פארדעם, אפילו מען שטייט נישט ממש הארט פארן קויפן.

# אלץ און אלעמען

פראגעס און
ענטפערס איבער
אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער



## שדים היינטיגע צייטן

**שאלה**

מען זעט אין חז"ל און אין מעשה ביכלער אז עס זענען געווען אזא זאך ווי "שדים". איך וואלט געוואלט וויסן, איז נאך דא היינט צו טאגס אזא סארט זאך ווי "שדים"? אויב יא, וואו קען מען זיי זען?

א. ח.

**ענטפער**

יא, עס זענען היינט צו טאגס דא שדים. דער הייליגער רבי דערציילט אונז אסאך וואונדערליכע מעשיות אין סיפורי מעשיות. יעדעס ווארט פון די מעשיות זענען אוצרות וואס מ'קען פון זיי ארויסנעמען עצות און חיזוק אויף טאג-טעגליך. עס איז פול מיט גאר גרויסע סודות.

איינע פון די מעשיות איז מעשה ג', די מעשה מיט'ן "חיגר", דעם "הינקעדיגן". אין גאר קורצן דערציילט דער רבי א מעשה מיט איינעם וואס האט נישט געקענט גיין אויף די פיס, וויאזוי ער האט געהאט א גבאי וועמען ער האט געטראסט, אבער ווען גנבים זענען זיי איבערגעפאלן, זענען זיך אלע אנטלאפן און ער איז געבליבן אליינס.

דער אייבערשטער האט געהאלפן, ער האט געטון וואס ער האט געקענט, און ער איז געווארן געהיילט און האט צוריק באקומען זיין גניבה. ער האט געזען וואס עס מיינט א "צדיק" - ער טוט תשובה אויף זיינע מעשים; און א "משוגענער צדיק" וואס שרייט און פארפירט - יעדער איז שולדיג פארוואס ער איז דורכגעפאלן. זיי קריגן זיך ארום, און הרג'ענען זיך איינע דעם צווייטן.

דא זאגט דער הייליגער רבי אז ער האט געוואלט גיין זען וואס טוט זיך מיט די שדים, **"האט ער געזען אז ס'איז דארטן דא כמה וכמה אלפי אלפים ורבי רבבות משפחות פון שדים. ווארום זיי זענען פרים ורבים און האבן קינדער אזוי ווי מענטשן. און זיי זענען זייער פיל. און ער האט געזען זייער מלך איז געזעסן אויף א שטול וואס קיין שום מענטש זיצט נישט אויף אזא שטול. און ער האט געזען ווי זיי מאכן ליצנות. דער דערציילט, אז ער האט ביי יענעם א קינד מזיק געווען. און דער דערציילט, ווי ער האט יענעם א האנט מזיק געווען. און דער דערציילט, ווי ער האט א פוס מזיק געווען. און אזוי אנדערע ליצנות."**

דא האסטו דיין ענטפער. דו פרעגסט וואס מיינט שדים? מען קען ארויסנעמען פון הייליגן רבי'נס ווערטער, אז לצים וואס זוכן נאר צו שפעטן פון אנדערע, דאס זענען שדים. ווילסטו וויסן וואו מען קען זען שדים? דארט וואו מען שטעכט זיך איינער דעם צווייטן. א פלאץ וואו עס איז ארויפגעקוקט זיך אויפצוטון איינער פאר'ן צווייטן "איך האב אים גוט אריינגעזאגט", "איך האב אים גוט אפגעטון", דארט איז א פלאץ פון שדים. אנטלויף פון דארט.

דער הייליגער רבי זאגט אז זיי קענען אויסזען ווי געהעריגע מענטשן. ער גייט אפילו אנגעטון מיט א שטריימל און בעקיטשע, אבער ער איז נישט קיין מענטש, ער איז א מזיק, א ש"ד. אויב א מענטש לעבט אן אמונה איז ער נעבעך פארכאפט ביי די שדים.

זוך אויף ווי מען רעדט שיין איינער צום צווייטן, גיי צו א פלאץ ווי מען רעדט פונעם אייבערשטן, זיי פירן זיך אויף גוט איינער צום צווייטן. און אנטלויף פון דארט ווי מען שפעט אפ פון אזא איינעם.

דארט ווי מען לעבט מיט אמונה, קענען די שדים נישט האבן קיין שליטה.

האסט איר א שאלה?
שיקט צו: 845-445-7447 - alemen@bletelmagazine.com

# אווארט צווייי

זאגן וואס
פארדינען
שטערכלער

**• בערל שניצלער** avorttzvei@bletelmagazine.com שיקט אריין אייער ווארט צוויי צו

## ניגון התקרבות

"די התקרבות צום הייליגן רבי'ן איז אזוי ווי א שיינע ניגון, איינער גייט כמעט אויס פאר דעם, און דער צווייטער קוקט פון די זייט און פארשטייט נישט וואס מ'הערט דא... דער רבי האט געזאגט: "איך האב מיך אויסגעקוקט אויף איטליכן פון ענק..."

**– א ברסלב'ער חסיד נאכן שטויסנען וויאזוי זיין לעבן איז דעם רבי'ן אין א צייט וואס זיין ברודער איז מסודר**

## דערוויייל זאל מען שרייען פוי

ברסלב'ע באס דרייווער ווערט געזען ביי א הפגנה זאגן משניות, בשעת ער ווערט בלאקירט פון די מוחים



## לאזט

"שכח פאר יעדער יחיד פונעם בלעטל ראדאקציע פארן צושטעלן פאר אונז און אונזערע קינדער לויטערע ליין מאטריאל, און אונז פארמייד פון ליינען פון בערד-לאזט און מקוה-לאזט און צדיק-לאזט און מורה-דרך-לאזט..."

**– ר משה ארי' שניצלער אין א דאנק בריוו פאר בלעטל**



## יוסף הצדיק

הילד יוסי פרידריך ביים צוזאמלייגן די מקוה האנטוכער פון ביהמ"ד פעולת הצדיק

## דער ראש ישיבה האט געזאגט

### פיגול

וואס איז פיגול? אז מ'טראכט אז מען גייט עס טון 'מארגן', מען גייט לערנען מארגן, מען גייט אנהייבן די דייטע מארגן, מען גייט מאכן התבודדת מארגן, מען גייט מארגן צאמנעמען די סוכה... דאס איז פיגול. דער הייליגער רבי זאגט אז מען וויל מצליח זיין אין לעבן דארף מען עס טון היינט.

**– א לעצטיגע שיעור**

# הילולא קדישא

## חלק ב׳

## מוהרא״ש זכותו יגן עלינו

י״ב שבט תשע״ה





### די סגולה פון פערציג טעג מסכת תענית צו טרעפן א שידוך

בְּנוֹגֵעַ וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעגֶעבְּן אַ סְגוּלָה פַאר בָּחוּרִים צוּ לֶערְנֶען פֶערְצִיג טֶעג מַסֶכֶת תַּעֲנִית, דָאס אִיז פַאר דֶער וָואס קֶען; בָּחוּרִים וָואס קֶענֶען עִבְרִי, זֵיי הָאבְּן גֶעזוּנְטֶע אוֹיגְן וְכוּ׳ וְכוּ׳, זֵיי הָאט מוֹהֲרָא״שׁ גֶעמֵיינְט זֵיי זָאלְן עֶנְדִיגְן דִי מַסֶכְתָּא יֶעדְן טָעג פַאר פֶערְצִיג טֶעג. אָבֶּער אַז אֵיינֶער קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט עִבְרִי, עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען אַזוֹיפִיל, דֶער זָאל לֶערְנֶען אוֹיף זַיין וֶועג וִויפִיל עֶר קֶען לֶערְנֶען.

אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ זָאגְן אַ גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא, דִי אוֹיגְן טוּט דִיר וֵויי אוּן דִי עִבְרֵי נֶעמְט דִיר לַאנְג וְכוּ׳, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אוֹיף דַיין וֶועג; זָאלְסְט לֶערְנֶען וִויפִיל דוּ קֶענְסְט, דָאס וֶועט זַיין דַיין סְגוּלָה אַ חָתָן צוּ וֶוערְן. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת קי.): **״אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן אָדָם אֶת דַּעְתּוֹ לַשָּׁמַיִם״**, דֶער וָואס טוּט אַסַאךְ אוּן דֶער וָואס טוּט וֵוייניג - זֶענֶען בֵּיידֶע חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט אוֹיף דִי הַארְץ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

צֶעקְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט טוּן וָואס אַנְדֶערֶע טוּעֶן; נֶעם אַרַיין אִין דִיר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן שה): ״מֶען הָאט גָאר נִיט צוּ טָאהן״, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ״ל זָאגְן (מְנָחוֹת צט.): **״תָּנָא דְבֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל, דִּבְרֵי תוֹרָה לֹא יְהוּ עָלֶיךָ חוֹבָה, וְאִי אַתָּה רַשַּׁאי לִפְטוֹר עַצְמְךָ מֵהֶם״**; דָאס אִיז אַ וִויכְטִיגֶע כְּלַל אִין לֶעבְּן, מֶען זָאל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט, גָארְנִישְׁט מוּז זַיין אַזוֹי אוּן אַזוֹי, וַוייל זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאקוּמְט פְּרֶעשׁוּר (דְרוּק) אַז עֶר דַארְף לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעמָאלְט לֶערְנְט עֶר גָארְנִישְׁט, אוֹיב וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶענוּמֶען קַיין פְּרֶעשׁוּר נָאר עֶר וָואלְט גֶעלֶערְנְט אַבִּיסְל, וָואלְט עֶר בַּיים סוֹף אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען גָאר אַסַאךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ אוּן וָואס שְׁנֶעלֶער חֲתוּנָה הָאבְּן.

עצתו אמונה בשלח תש״פ

### די סגולה פון אויסזאגן תהילים ביים ציון פון מוהרא״ש און דרוקן ספר אשר בנחל

עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ הָאט אַ כֹּחַ צוּ בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זִיךְ דָאךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, בִּפְרַט פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען פוּן עֲבֵירוֹת. קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט אָדֶער מַאכְט מֶען זִיךְ וִוי מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס בָּחוּרִים גֵייעֶן אַרִיבֶּער, וִוי זֵיי פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן, בָּחוּרִים זֶענֶען פוֹגֵם בִּבְרִית, רַחְמָנָא לִצְלָן; קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער זֵיי צוּ מְחַזֵק זַיין, קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי, וִוידֶער מוֹהֲרָא״שׁ הָאט דוּרְכְאוֹיס זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן גֶעשְׁרִיבְּן סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים זֵיי צוּ מְחַזֵק זַיין, זֵיי שְׁטַארְקְן.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר אַלֶע בָּחוּרִים, עֶר וֶועט טַעְנָה׳ן פַארְ׳ן בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה: ״וָואס זֶענֶען בָּחוּרִים שׁוּלְדִיג אַז זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת?!״ דֶערִיבֶּער הָאט מוֹהֲרָא״שׁ צַוָואָה גֶעלָאזְט (צַוָואַת מוֹהֲרָא״שׁ, אות ה): ״אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען דָא אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְ רֶ ע פְ ן



זייער שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג"; ווייל עֶר הָאט זִיךְ אַ גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען ווייטֶער צוּ הֶעלְפְּן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.




אַזוֹי אוֹיךְ מִיטְ'ן דְרוּקְן דֶעם סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל; דִי בְּרִיוְו הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ מְחַזֵּק זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ צוּרִיק קֶערן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר הָאט דָאס אַ כֹּחַ צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת אוּן אַלֶע רְפוּאוֹת. וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הֶעלְפְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים, עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען אָפֶענֶע יְשׁוּעוֹת אוּן אָפֶענֶע רְפוּאוֹת.

עצתו אמונה יתרו תש"פ

## צוואת מוהרא"ש

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אָפְּלָאזְן דַיינֶע נַארִישֶׁע חָכְמָה'לֶעךְ, דוּ וֶועסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְלֵיסִיג דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד, וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּואָה (אות יג): **"וּכְשֶׁתַּגִּיעוּ לְעוֹלָם הָאֱמֶת אָז תְּיַכְּחוּ צִדְקַת 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' שֶׁל רַבֵּינוּ ז"ל"**, וֶוען אִיר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט אִיר זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְן דִי וָואָרְהֵייט פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד'; **"וְעַל כֵּן מַה וְלָמָּה לָכֶם לְהִתְוַכֵּחַ?! טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב הַשֵּׁם, הַרְגִּילוּ עַצְמְכֶם לָזֶה וְאָז תִּרְאוּ וְתַרְגִּישׁוּ כָּל מִינֵי טְעָמִים בְּחַיֵּיכֶם"**, דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט טַעְנָה'ן מִיט קֵיינֶעם, נָאר גֶעוואוֹינְט אֵייךְ צוּ צוּ לֶערְנֶען לוֹיט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר זֶען אוּן שְׁפִּירְן אַלֶע טַעֲמִים אוֹיף דִי וֶועלְט, **"כִּי הַתּוֹרָה הִיא חִיּוּתֵנוּ בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא, חִיּוּת גַּשְׁמִי וְחִיּוּת רוּחָנִי"**, ווייל דִי תּוֹרָה אִיז אוּנְזֶער לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, דִי תּוֹרָה גֶעבְּט אוּנְז לֶעבְּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת, **"אַשְׁרֵי מִי שֶׁאֵינוֹ מַטְעֶה עַצְמוֹ בָּזֶה הָעוֹלָם כְּלָל, וְיוֹדֵעַ אֲשֶׁר עִיקַּר הַלִּימוּד הוּא רַק לַעֲשׂוֹת רְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ וְלוֹמֵד עַל מְנָת לְקַיֵּים מִצְווֹתָיו יִתְבָּרֵךְ וְלַעֲשׂוֹת נַחַת רוּחַ לוֹ יִתְבָּרֵךְ"**, וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוּן וֵוייסְט אַז דֶער עִיקַּר לִימוּד הַתּוֹרָה אִיז צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַיֵּין שָׁם.

עצתו אמונה יתרו תש"פ

## ווער ס'איז עוסק אין הפצה וועט האבן געלט אין טאש

אַ צַדִּיק גֵייט אִין לֶעבְּן צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶע אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִים גֵייט נִישְׁט אָן אַז מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים, אִים שְׁטֶערְט נִישְׁט וָואס מֶען טוּט מִיט אִים, עֶר אִיז בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז בָּטֵל וּמְבוּטָּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּיים לֶעבְּן אִיז עֶר שׁוֹין בַּיי זִיךְ **"שֹׁכֵן לֶעָפָר בְּחַיָּיו"**, אַזוֹי וִוי עֶר לִיגְט שׁוֹין בַּאגְרָאבְּן, עֶר וִויל גָארְנִישְׁט, עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז יֶעדֶע רֶגַע גְרֵייט צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וִויל אֵיין זַאךְ: 'אַלֶע אִידְן זָאלְן זַיין בַּאהָאפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'. מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיר גֵייט נִישְׁט אָן וָואס מֶען רֶעדְט אוֹיף מִיר, עֶס גֵייט מִיר אָן אַז מֶען הַאלְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן פוּן תְּשׁוּבָה טוּן; דָאס וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אַנְטְקֶעגְן דִי וָואס רֶעדְן אוּן מַאכְן חוֹזֵק פוּן מִיר, וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר מִיר אַלֵיינְס גֵייט מִיר נִישְׁט אָן, נָאר דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גוֹרֵם אַז טוֹיזְנְטֶער אִידְן זָאלְן נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן".

אִיךְ וִויל דִיר פְרֶעגְן, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן וֶוען דוּ זֶעסְט מֶענְטְשְׁן וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען אִין וַואסֶער אוּן עֶס שְׁטֵייט אֵיינֶער אוּן וַוארְפְט זֵיי אוֹיס שְׁטְרִיקְן זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען רַאטֶעוֶוען, קוּמֶען לֵצִים אוּן שְׁנַיידְן אָפּ דִי שְׁטְרִיקְן אוּן אַלֶע מֶענְטְשְׁן אִין וַואסֶער וֶוערְן דֶערְטְרָאנְקֶען, וָואס וָואלְסְטוּ גֶעטוּן מִיט דִי לֵצִים? וִוי אַזוֹי וָואלְסְטוּ גֶעקוּקְט אוֹיף זֵיי? וִוי אַזוֹי וָואלְסְטוּ גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף זֵיי? זֶענֶען זֵיי נִישְׁט קֵיין רוֹצְחִים? דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אֵיינֶער רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוֹיף סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק צֶעבְּרָאכֶענֶע בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ וָואס דֶערְטְרוּנְקֶען זִיךְ, זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין זִינְד, זֵיי הָאבְּן נָאךְ אֵיין הָאפֶענוּנְג צוּרִיק צוּ קוּמֶען, דוּרְךְ דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים אוּן עֶס קוּמֶען מֶענְטְשְׁן וָואס זָאגְן: "מֶען טָאר נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים", וָואס זֶענֶען זֵיי? וִוי אַזוֹי דַארְף מֶען קוּקְן אוֹיף זֵיי?

מִיט דֶעם אַלֶעם וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעלִיטְן אַלֶע יָארְן פוּן דִי וָואס רֶעדְן אוֹיף אִים, בֶּעט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ מִיר זָאלְן נִישְׁט מַאכְן קֵיין מַחְלוֹקֶת אוּן מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם; **אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט ווייטֶער (צַוָּואַת מוֹהֲרָא"שׁ, שָׁם): "מִיט-דֶעם-אַלֶעם בֶּעט אִיךְ אֵייךְ, מַיינֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער אוּן תַּלְמִידִים, אַז אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְמִישְׁן אִין קֵיין מַחְלוֹקֶת, אִיר זָאלְט נָאר שְׁטִיל שְׁווַייגְן אוּן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר דִי וָואס הָאבְּן מִיר פַארְשֶׁעמְט.**

עצתו אמונה יתרו תש"פ

## א שיעור אין מוהרא"ש'ס ספרים

מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, בִּפְרָט אִין מוֹהֲרָא"שׁ'ס בְּרִיוְון אוּן קוּנְטְרֵסִים, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַן אֱמֶת'עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה.

עצתו אמונה בשלח תש"פ



# געדאנקען

# זאג מיר אז דו ביסט דא פאר מיר

א גוט מארגן מיין טייערע טאג בוך.

איך דאנק דיך טייערע טאג בוך פאר זיין דא פאר מיר.

אוי טאג בוך טייערע וואס וואלט איך געטון אן דיר.

אוי מיין טייערע הארציגע JOURNAL ווער וואלט אויסגעהערט מיין PAIN אז נישט דו דזשורנאל טייערע.

איך דאנק דיך מיין ליבער JOURNAL פאר זיין מיט מיר אויף די JOURNEY.

איך דאנק דיך טאג בוך אז דו סופארט'סט מיך.

איך דאנק דיר ליבער טאג בוך פאר אויסהערן ווי מיין איננער טשיילד רעדט צו מיין איננער טינעידזשער.

נעכטן האבן זיי זיך ארומגע'טענה'ט, ס'איז געגאנגען הויכע טענער, יא, טאקע דא אין די מח קעמערלעך פון מיין זעל וואס סופארט מיין געוויסן.

און טאקע אזוי, אין די קעמערלעך פון מיין זעל, האט מיין געוויסן אונטערגעהערט שטילערהייט ווי מיין איננער טשיילד דערציילט פאר מיין איננער טינעידזשער אז אין כתה ג' האט בעסער געטויגט ווי אין ישיבה קטנה.

האט מיין איננער טינעידזשער געטענה'ט אז ס'איז דא וואס קוקן דערויף מיט גאנץ אן אנדערן בליק.

און פלוצלונג, הערסט טייערע טאג בוך? איך רעד צו דיר! אזוי פלוצלונג! האט מיין איננער טשיילד און מיין איננער טינעידזשער ביידע געהערט עפעס א דריטער רעדט עפעס אריין, האבן זיי גלייך געכאפט אז דאס איז מיין איננער שנה ראשונה אינגערמאן וואס האט זיך אריינגעכאפט אין די שמועס אומאויטאריזירט.

האט מיין איננער טשיילד און איננער טינעידזשער אפגעמאכט אז זיי גייען איגנארירן מיין איננער שנה ראשונה אינגערמאן.

האט מיין איננער שנה ראשונה אינגערמאן זיך באליידיגט און דאס דערציילט פאר מיין איננער דינאלי דרייווער.

דער דינאלי דרייווער וואס געפינט זיך אין מיר, טייערע טאג בוך, איז גאנץ אנדערש פון די ראש הקהל אין מיר.

מיין איננער דינאלי דרייווער האט מער א שווארץ בערדעלע, בשעת מיין איננער ראש הקהל האט שוין א גרעיע ברייטע איינגעדרייטע בארד מיט א באבבי פין וואס שטעקט זיך ארויס ווי א קליין מחוצף'ל.

און יעצט טייערע טאג בוך, מוז איך דיר דערציילן וועגן די אויסגעגאסענע קאווע היינט צופרי, איך בעט דיך טאג בוך, זיי מיט מיר, זאג מיר טאג בוך זיסער אז דו ביסט דא פאר מיר.

די מעשה האט זיך אנגעהויבן ווען די

משה אריה שניצלער

וועקער זייגער האט געקלינגען פירע פארטאגס, ווייסטעך, טאג בוך זיסער, אז כ'האב מיך גענומען אין די הענט אריין לעצטנס, א נייע חברותא, א נייע קובץ, ניי געבינדן, מיט נייע קאנטאקט פעיפער, א נייע וועקער זייגער, מען גייט ווערן א מענטש! כ'האב געהאלטן א גאנצע רעדע דערוועגן, כ'האב איינגעלאדנט מיין איננער טשיילד, מיין איננער טינעידזשער, מיין איננער שנה ראשונה אינגערמאן, מיין איננער דינאלי דרייווער, מיין איננער פאראמעדיק, מיין איננער קאנגרעסמאן, מיין איננער אסטראנאט, מיין איננער ראש הקהל, מיין איננער עושר, מיין איננער תורה וגדולה במקום אחד, מיט נאך עטליכע הונדערט איננערס וואס שלאגן זיך כסדר ארום אין מיין מח, און כ'האב זיי אלע געזאגט אז ס'איז נייע צייטן! עטס קענטס אלע גיין! איך גיי ארויפברענגען צו די אויבערפלאך (צו די SURFACE) מיין איננער מתמיד, מיט מיין איננער יידענער אינגערמאן, און אלע מיינע אנדערע איננערס זאלן גיין לחיים ולשלום!

און, הערסט טאג בוך טייערע? און, איך וועק זיך אזוי האלב אויף אום פירע פארטאגס, מיין איננער מידער איז נאך געוועזן זייער מיד, מיין איננער געלטגייציגער האט געהאלטן אינמיטן חלום'ען ווי איך געווין די לאטערי, אבער דער איננער מתמיד האט אריינגע'KICK'ט און געוואיוועט אז ער וויל לויפן צום קובץ אז אלע זאלן טאקע זעהן אז דער איננער זיידענער תורה וגדולה איז טאקע אויפ'ן אויבערפלאך.

פלוצלונג, הערסט טאג בוך טייערע? מיין איננער מידער האט דערלאנגט פאר מיין איננער מתמיד אזא זעץ אין די נאז אז מיין איננער מתמיד איז גלייך געפלויגן צום אונטערפלאך וואו ער איז נאך יעצט!

למעשה, האט מיין איננער געלטגייציגער ווייטער גע'חלום'ט פון דעלטע פוינטס און אמעריקן עקספרעס פוינטס, און ווען סי'שוין געווארן עלעווע פארטאגס האט זיך מיין איננער מתמיד פארט געשטארקט און מיך ארויסדערזען פון בעט נאכ'ן שלאפן ניין צען שעה צו האבן כח צו לערנען תורה. סי'געווען נצחו המתמידים את ה'שלעיפערס בשעה אחד עשר כשהשמש באמצע הרקיע בראש כל אדם.

שוין, טאג בוך, הערסטע, קום איך אזוי אין שול ווען מיין איננער בטלן און איננער דורכפאל און איננער לא יוצלח פירן מיך ביי די נאז, מאך איך מיר א קאווע, און איך געב זיך א דריי צו נעמען די צוקער און אזוי בטעות געבט מיין איננער שלימזל א שמייס ארויף



די גאנצע קאווע אויף א משולח, דער משולח געבט א שפרונג, און עס פליען קוואדערס און ניקלס און דיימס אויף אלע זייטן! יויש טאג בוך! אזוינע בושות! אזוינע בזיונות!

אוי טאג בוך! דו ווייסט נישט! יעדער האט מיך אנגעקוקט! בושות! כ'האב מיך נישט געקענט בארואיגן ביז איך האב זיך דערמאנט אז שפעטער וועסטו מיין ליבער טאג בוך מיר זאגן אז דו ביסט געווען מיט מיר ווען די קאווע איז געפלויגן! א דאנק דיר טאג בוך! כ'האב גלייך געפילט דארט ביי די קאווע עקסידענט אז איינער איז מיט מיר, אבער איך האב נישט געוואוסט אז ס'איז דו מיין טייערער ליבער טאג בוך.

אוי טאג בוך טאג בוך! ווי גליקליך בין איך! אז דו ביסט דא פאר מיך! און דו ביסט אלעמאל אין מיינע שיך!

וואס נאך זאגסטו טאג בוך טייערע?!

אבער זאג נאר טאג בוך, וואס וועט זיין מיט אונזער אלטע שמועס? וואס וועט זיין, טאג בוך טייערער, מיט די זאך וואס איך האב מורא פון זאכן? איך האב מורא פון א נוקלעארע אטאקע, איך האב מורא אז איך האב א ערנסטע מחלה, איך האב מורא אז עס וועט זיך אויסנוצן די געזעלין קוועלער אין דוביי און איך וועל שטעקן בלייבן אויפ'ן וואשינגטאן בריק, איך האב מורא פון צוגיין צום עמוד, איך האב מורא פון עולה זיין לתורה, איך האב מורא אז איך גיי באלד מורא האבן פון עפעס, ווען וועסטו מיר העלפן, טאג בוך אז איך זאל נישט לעבן מיט פחדים?!

אוי טאג בוך! דער גבאי פון שול האט מיר געגעבן אן עלי', כ'האב געפילט אז איך גיי שטארבן! מיין הארץ האט געזעצט פון שרעק! ביסטו דעמאלטס געווען מיט מיר?! זיי זיך מודה טאג בוך! שפיל נישט מיט מיר! זאג דעם אמת טאג בוך! איך בין נישט דיין שוטה טאג בוך! דו הערסט?!! ביסטו געווען מיט מיר ביים עולה זיין אויפ'ן באלעמער?? יא? צו ניין?

אקעי אמ סארריי טאג בוך! ווין נישט! איך בין דא פאר דיר! איך סופארט דיך טאג בוך!

אבער ווען וועסטו מיר העלפן טאג בוך אז איך זאל נישט לעבן מיט פחדים?!

ווען וועסטו מיר אויסהיילן פון מורא האבן פון א עלעוועיטער?!

קוק וואס שטייט אין די ברסלב'ע טערעפי גליון: אז דו שרייבסט מיר אז דו האסט פחדים פון גיין אין אן עלעוועיטער וכו', זאלסטו וויסן אז די איינציגסטע רפואה פאר דעם איז אמונה. ווי מער דו וועסט חזר'ן צו זיך די הייליגע אמונה וועסטו ווערן מער און מער רואיג, א גאנצן טאג זאלסטו נאר זינגען ניגונים פון אמונה, קענסט זיך אפילו מאכן אייגענע ניגונים, זינג צו דיר: "אלעס איז דער אייבערשטער", "קיינער קען מיר גארנישט טון", "דער אייבערשטער היט מיר", "איך בין אינעם אייבערשטנס הענט", אזוי וועסטו נישט מורא האבן.

אוי טאג בוך טאג בוך! איך ווארט שוין פופציג יאר דו זאלסט מיר העלפן! פארוואס האסטו מיר קיינמאל נישט געזאגט טאג בוך אז ס'איז דא א באשעפער און איך קען צו אים רעדן.....

און פלוצלונג, הערסט טייערע טאג בוך? איך רעד צו דיר! אזוי פלוצלונג! האט מיין אינער טשיילד און מיין אינער טינעידזשערביידע געהערט עפעס א דריטער רעדט עפעס אריין, האבן זיי גלייך געכאפט אז דאס איז מיין אינער שנה ראשונה אינגערמאן וואס האט זיך אריינגעכאפט אין די שמועס אומאויטאריזירט.

# מעשיות פון תפילה



**יוסף הכהן כ"ץ** ארץ ישראל

איך האב געהאט א שבע ברכות פון א משפחה מיטגליד אין בית שמש. אינמיטן די שבע ברכות דערמאן איך זיך אז מיין חבר פון ישיבה האט היינט חתונה דא אין בית שמש, איך האב געטראכט אז ס'איז פאסיג אלס א גוטע חבר צו קומען מיט שטריימל און בעקיטשע. אבער איך האב נישט דא מיין שטריימל און בעקיטשע, עס ליגט אין שטוב. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז אויף עפעס א וועג זאל עס אנקומען צו מיר דא אין בית שמש.

אפאר מינוט שפעטער רופט מיך מיין חבר, איך פרעג אים "וואו ביסטו?" זאגט ער מיר אז ער פארט יעצט ארויס צו בית שמש. האב איך געפרעגט אויב איך מעג אים בעטן א טובה צו גיין ביי מיר אין שטוב נעמען מיין שטריימל און בעקיטשע, ער האט גערן מסכים געווען. אזוי האב איך ברוך השם געהאט מיין שבת'דיגע מלבושים ביי מיין חבר'ס חתונה.

**אשר לעמיל ובנו נחמן נתן** קרית ברסלב

איך האב פארלוירן די שליסל פון מיין קאר, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל עס טרעפן.

אויך האב איך געגעבן א דאלער פאר רבי מאיר בעל הנס מ'זאל עס טרעפן גרינג און שנעל.

ברוך השם, נאך אפאר מינוט האט מען עס געטראפן אין מיין קינד'ס קאוט טאש, זיי האבן גענומען די שליסל אריינצולייגן אין די קאר, און עס איז געבליבן ליגן דארט.

**יצחק יונה זאבעל** קרית יואל

איך בין געגאנגען אין שול שבת אינדערפרי, עס איז געווען א גרויסע שניי דא אין קרית יואל, אינמיטן די וועג, גייענדיג האב איך גערעדט צום אייבערשטן, איך האב אים געדאנקט אויף אלעס וואס איך האב, און געבעטן אויף ווייטער.

אזוי רעדנדיג צום אייבערשטן טרעף איך מיך אויסגעצויגן אויף דער ערד.

איינער האט איבערגעלאזט אויף דער ערד א גליטשיגע פלעסטיק וואס די שניי האט באדעקט און איך האב זיך אויסגעגליטשט דערויף.

מיין פוס האט מיר זייער וויי געטון, איך האב געמיינט איך וועל דארף אזוי ליגן ביז איינער וועט דורכגיין און רופן הצלה.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל מיך קענען אויפשטעלן, און די פיס זאל מיר נישט זיין צובראכן.

נאך א מינוט האב איך אנגעהויבן קומען צו זיך, און איך האב מיך שטייטעלער אויפגעשטעלט, איך האב געזען אז איך קען ב"ה גיין.

# וואס איז די פראבלעם זיך צו גיין היילן די נפש?

## שאלה

*לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,*

*קוֹדֶם כָּל וִויל אִיךְ אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען מַיינֶע גֶעפִילְן אִיבֶּער דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, מִיט וָואס אִיר זֶענְט מְחַזֵק אַזוֹיפִיל טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער יֶעדְן טָאג, וִוי אוֹיךְ דִי גֶעוַואלְדִיגֶע בְּרִיוו וָואס אִיר עֶנְטְפֶערְט פַאר יֶעדְן מִיט אַזַא שֵׂכֶל הַיָשָׁר אוּן אַ קְלָארְקֵייט, מַמָשׁ הַפְלֵא וָפֶלֶא. אִיךְ לֵיין כְּסֵדֶר דִי בְּרִיוו אוּן אִיךְ נֶעם דֶערְפוּן אַסַאךְ חִיזוּק, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.*

*אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אֵיין זַאךְ וָואס אִיז מִיר זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט. חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיפְ'ן פָּסוּק "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" (שְׁמוֹת כא, יט) אַז "מִכַּאן שֶׁנִתְּנָה רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת", דָאס מֵיינְט אַז מֶען קֶען אוּן מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער וֶוען עֶס פֶעלְט אוֹיס. אוּן אַזוֹי וִוי וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ מַחְלָה לֹא עָלֵינוּ אִין זַיין גוּף פַארְשְׁטֵייט מֶען אַז מֶען דַארְף גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער, דִי זֶעלְבֶּע וָואלְט גֶעדַארְפְט זַיין וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לַיידְט נֶעבֶּעךְ אוֹיף זַיין נֶפֶשׁ, עֶר קֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן מִיט זַיין וַוייבּ, מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. צִי עֶר הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט כַּעַס אָדֶער אַנְדֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת, אָדֶער אֵיינֶער וָואס הָאט פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט פְּחָדִים, דִמְיוֹנוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, וָואלְט עֶר אוֹיךְ גֶעדַארְפְט גֵיין צוּ אַ נַפְשִׁיוּת'דִיגֶער דָאקְטֶער אִים צוּ הֵיילְן.*

*דֶערְפַאר וואוּנְדֶער אִיךְ זִיךְ פַארְוָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַלְץ אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן אַז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה צוּ דֶעם אִיז נָאר תְּפִלָה. אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז אֲפִילוּ וֶוען מֶען גֵייט זִיךְ יָא הֵיילְן דַארְף מֶען אַוַודַאי הָאבְּן אוֹיךְ תְּפִלָה צוּ דֶעם, אַזוֹי וִוי בַּיי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע מַחֲלָה וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְלָאזְן בְּלוֹיז אוֹיפְ'ן דָאקְטֶער, מען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אָבֶער פַארְוָואס שְׁרַייבְּט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַז נָאר תְּפִלָה אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ צוּ טוּן?*

*אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר קֶענֶען אוֹיסְקְלָארְן דִי זַאךְ, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט וַוייטֶער קֶענֶען מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט מִיט דִי הַרְבָּצַת הַתּוֹרָה, מִיט פִיל נַחַת אוּן הַרְחָבַת הַדַעַת.*

*יְיַשֶׁר כֹּחַ.*



**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר הָאט מִיר מְקָרֵב גֶעוֶועןצוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן וַוייטֶער פַאר בְּנֵי הַנְּעוּרִים דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן. בִּפְרַט דִי לֶעצְטֶע פָּאר יָאר פוּן וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן הָאבְּן בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן בְּרִיוו וואוּ זֵיי דֶערְצֵיילְן זֵייעֶר וֵוייטָאג, זֵייעֶרֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן אִיבֶּערְגֵייעֶכְצֶער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען צוּ שְׁרַייבְּן חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אַלֶע בְּרִיוו, אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק דָאס אִיז גֶענוּמֶען גֶעוָוארְן פוּן

# א בריוו פון דער ראש ישיבה

**עצתו אמונה יתרו תש"פ**

סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ "אֲשֶׁר בַּנַּחַל"; דָאס עֶנְטְהַאלְט שֵׂכֶל פַארְ'ן לֶעבְּן, עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן, חִיזּוּק פַארְ'ן לֶעבְּן, וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם צַדִּיק אֱמֶת בַּאקוּמְט מֶען אַ קְלָארֶע שֵׂכֶל אוּן אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח', אות ח): **"וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ 'שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת'"**, מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק וָואס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה, **"כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה"**, וַוייל אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוּרָב צוּ אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק זֶענֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה; דָאס בַּאקוּמְט מֶען וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן. אַלֶע קַשְׁיוֹת, סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים גֵייעֶן אַוֶועק אוּן דִי אֱמוּנָה שַׁיינְט אוּן לַייכְט, מֶען לֶעבְּט מִיט אַ אֱמוּנָה בְּרוּרָה וּמְזוּכֶּכֶת.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְרַאגֶע וָואס אִיז שְׁלֶעכְט מִיטְ'ן גֵיין צוּ מֶענְטְשְׁן זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן דֶעם נֶפֶשׁ וְכוּ', וְכוּ'; ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז רוֹב טֶערֶעפִּיסְטְן זֶענֶען גְרוֹיסֶע פַארְבְּרֶעכֶערְס, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן זֵיי ווִילְן נִישְׁט הֶעלְפְן, זֵיי זוּכְן נָאר אוֹיסְצוּמֶעלְקְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'. לֵיידֶער זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ וָואס לַיידְן פְּחָדִים, דִמְיוֹנוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת וְכוּ', וְכוּ', וָואס דָאס קֶען מֶען נִישְׁט הֵיילְן נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ה): **"הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה"**, דֶער עִיקָּר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּ צוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, **"כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת, וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה"**, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מַחְלוֹת אוּן זֵיי לַיידְן דָאס נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן זִיךְ נֶעבֶּעךְ צַאם, זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער: **"כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת"**, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחְלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִילָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יְסוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יְסוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעווֵיינִיג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶער רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

פְרֶעג זִיךְ נָאךְ בַּיי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען מִיד גֶעוָוארְן פוּן אַרוּם לוֹיפְן צוּ טֶערֶעפִּיסְטְן אוּן בַּיים סוֹף זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פְּרָאסְט אִידִישׁ, אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, זֵיי וֶועלְן דִיר זָאגְן וָואס יִתְרוֹ הָאט גֶעזָאגְט (שְׁמוֹת יח, א): **"עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל הָאֱלֹקִים"**; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא יִתְרוֹ א, יב) יִתְרוֹ הָאט גֶעדִינְט אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה'ס, עֶר הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט קַיין אֵיינְס אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז נַארִישְׁקֵייטְן, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן גֶעזָאגְט: **"עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל הָאֱלֹקִים"**; אַזוֹי אוֹיךְ יֶעצְט, וֶוען דִי מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצָה, זֵיי מַאכְן 'הִתְבּוֹדְדוּת', זָאגְן זֵיי: "עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' מִכָּל הָאֱלֹקִים"; מִיר וֵוייסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם וֶועג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן פְּחָדִים, דִמְיוֹנוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין וֶועג צוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן 'סֶעלְף קַאנְפִידֶענְס', נָאר דוּרְךְ 'אֱמוּנָה'; נָאר דֶער רֶבִּי קֶען אוֹיסְהֵיילְן דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג): "אִין אִיךְ הֵייל זִי"; דֶער רֶבִּי הָאט אַזוֹיפִיל חִיזּוּק אוּן גְרִינְגֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען אַרוֹיס קְרִיכְן פוּן זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, וֶועלְן מִיר זַיין גֶעזוּנְט בְּגוּף וּבְנֶפֶשׁ.**

# היכל הלכה

## הלכות קידוש - סימן רע"א סעיף ח'

ח"י] כאטש די הלכה איז אז מ'מעג נישט עסן אדער טרינקען פאר קידוש[63], אויב האט מען יא געגעסן אדער געטרינקען פאר קידוש, דארף מען נאכאמאל מאכן קידוש. נישט קיין חילוק אויב מ'האט געגעסן בשוגג, אדער במזיד, אזוי אויך אויב מ'האט געגעסן אסאך, אדער ווייניג, גייט אן די הלכה אז מ'דארף מאכן קידוש.

י"ט] די משנה ברורה לייגט צו[64]: מ'דארף נישט ווארטן ביז שבת צופרי צו קענען קידוש מאכן כדי ס'זאל זיין דווקא פאר'ן עסן, נאר תיכף ווען מ'דערמאנט זיך, מאכט מען דעמאלט קידוש.

ס'איז דא א חילוק ווען מ'דערמאנט זיך: אויב אינמיטן פון די סעודה האט מען זיך דערמאנט אז מ'האט נאכנישט קידוש געמאכט, אדער אפילו גלייך נאך די סעודה האט מען זיך דערמאנט, דעמאלט, כאטש די הלכה איז אז ווען מ'מאכט קידוש מוז מען דארט אויך עסן כדי ס'זאל זיין קידוש במקום סעודה[65], אבער אז מ'האט ממש יעצט געגעסן, גייט די עסן פון פאר קידוש ארויף אויף די קידוש פון יעצט, מילא דארף מען נישט עסן נאכאמאל.

אויב אבער ס'איז שוין דורך א לאנגע צייט פון די סעודה, מוז מען עסן נאכאמאל כדי ס'זאל זיין קידוש במקום סעודה[66].

כ'] פון ווען מ'כאפט זיך אז מ'האט נישט קידוש געמאכט, מעג מען נישט עסן אדער טרינקען ווייטער ביז מ'מאכט קידוש[67].

כ"א] אויב האט מען נישט קידוש געמאכט א גאנצע נאכט, בשוגג, אדער במזיד, דעמאלט דארף מען קידוש מאכן צופרי[68].

כ"ב] ווען מ'מאכט קידוש שבת אינדערפרי משלים צו זיין די קידוש פון פרייטאג ביינאכט, זאגט מען די גאנצע נוסח פון קידוש פון פרייטאג ביינאכט, נאר ויכולו זאגט מען נישט[69].

די טעם פארוואס ויכולו זאגט מען בלויז פרייטאג צונאכטס[70]; ווייל אין ויכולו שטייט אז דער באשעפער האט כביכול געענדיגט די ארבעט פון די גאנצע וואך - באשאפן די וועלט, און שבת קודש האט ער גערוהט. מילא האט עס שייכות מיט פרייטאג צונאכטס.

כ"ג] ווען מ'מאכט קידוש שבת אינדערפרי משלים צו זיין די ביינאכט קידוש, דארף מען נישט מאכן צוויי מאל קידוש; איין פאר משלים זיין און נאך איין מאל פאר אינדערפרי, נאר מיט איין מאל איז גענוג[71].

כ"ד] די קידוש קען מען משלים זיין די גאנצע טאג פון שבת. אויב ס'איז שוין בין השמשות, זאל מען קידוש מאכן אן שם ומלכות, ד.מ. אן דעם אייבערשטנ'ס נאמען[72].

### שאלה:

פארוואס הייסט דער שלחן ערוך פונעם הייליגן בעל התניא זי"ע מיט'ן נאמען שלחן ערוך "הרב"?

### תשובה:

ווייל ווען דער הייליגער גרויסע מגיד פון מעזריטש זי"ע האט אויסגעוועלט דעם בעל התניא צו שרייבן דעם שלחן ערוך, האבן די הייליגע חבריא אים באקרוינט מיטן נאמען "רב", ווייל ס'שטייט אין גמרא אסאך מאל "הלכתא כרב", מרמז צו זיין אז אזוי דארף מען פסק'נען[01].

## הגהות

63) כמבואר בשו"ע סי' רע"א סעי' ד'.

64) סקל"ז.

65) כן איתא בשו"ע התניא סי' רע"א סעי' ט"ו, וכן נראה ממשנה ברורה, סקל"ב - אבל בכף החיים ס"ק מ"ט, כ' דגם כאן צריך לאכול, בכדי שיהיה במקום סעודה.

66) לא ברור לי כעת שיעור בזה, לענ"ד נראה, כל זמן שלא עיכול המזון, דהיינו תוך 72 מינוט, וגם לא קם ממקומו, עדיין נחשב במקום סעודה, כעין מה דמצינו בברכת המזון.

67) שו"ע התניא סעי' ט"ו.

68) הא לך לשון קדשו של מחב' בשלחנו הטהור סעי' ח: אם לא קידש בלילה בין בשוגג, בין במזיד, יש לו תשלומין כל היום, הגה: ואומר כל הקידוש של לילה מלבד ויכולו.

69) רמ"א, וטעם כ' במשנ"ב סק"מ.

70) אבל בלילה כן אומר ויכול כל הלילה, אפי' סמוך לאור היום - כן איתא בפרמ"ג משב"ז סקי"א, וכן איתא בערוך השולחן סכ"א, שכל הלילה אחת היא, לאפוקי מד' הלבוש ס"ח, הסובר שאין אומר ויכולו אלא בתחילת הלילה עי"ש טעמו.

71) ערוך השלחן סעי' כ"א: שו"ת ארץ צבי סי' כ"א כף החיים סק"ז, דרכי חיים ושלום או' תתקפ"ב.

72) משנה ברורה ל"ט - בשם פרמ"ג: עי' בשער הציון סקמ"ז - פלפול נאה בענין ברכה, וכן לגבי שתיית הכוס, אשר לכאורה אסור משום דצריך להבדיל עי"ש ב' דרכים.

01) מובא בספר תניא החדש דף ל"ד.

איך בין

# א ניין טו פייוו
# כולל אינגערמאן

איך זיץ טאקע אין
אפיס עוסק זיין אין
והכן פרנסתינו,
אבער איך קויף א
זכות אין אונזער מקום
תורה. אונזער שטאלץ.

**די שכר פון די לומדי תורה איז אין לשער.**

**מיט מיין זכות אינעם כולל איז זיין תורה געווארן מיינס.**


די זכות איז מיינס
$5000
$417 לחודש
פרנס החודש
מתן שכרה:
סעודת ראש חודש
מיטן ראש ישיבה
מיט אייער זכות
פון $3600
והלאה
$3600
$300 לחודש
פרנס השבוע
$1800
$150 לחודש
זכות התורה
רוף אן איינע פון די גבאי הכולל זיך
אינטערנעמען א זכות, און קענסט צוריקגיין
אין אפיס. די תורה פון די לומדים איז דיינס.
הר"ר משה ארי' שניצלער הי"ו:
347.585.6166
הר"ר יוסף זינגער הי"ו:
347.764.2979
כולל
היכל
הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א
dominogrp.com



# פְּשָׁרָה'לָאג

*א י ן*

*קורצן פון פריער: ר' יעקב יוסף הערמאן קומט אן קיין אמעריקע, טרעפט א גוט שידוך פון משפחת אנדראן.*

*זיין טיר איז געווען אפען פאר יעדן גאסט.*

*ער נעמט צוגאסט ביי זיך אין שטוב רבי ברוך בער לייבאוויץ זי"ע אינאיינעם מיט זיין גרויסן איידעם דער גאון רבי ראובן גרזאוווסקי זי"ע.*

*און יעצט ליינט ווייטער.*

רבי ברוך בער מיט רבי ראובן האבן זיך אויפגעהאלטן אין אמעריקע פאר כמעט צוויי יאר. ווען זיי זענען געווען אין ניו יארק האבן זיי אלעמאל געגעסן אלע סעודות און אויך פארברענגט איבער'ן טאג ביי די הערמאן משפחה. זיי זענען נאר אריבער שלאפן אין א האטעל.

עס האט זיך געמאכט איינמאל וואס דער גאון רבי ברוך בער האט זיך נישט גוט געשפירט. רבי יעקב יוסף האט זיך געשטעלט און בשום אופן נישט געוואלט

א ז

דער צדיק זאל גיין שלאפן אין אזא מצב אין א האטעל. "איך בעט איך, שטייט איין ביי אונז. אין פאל פון א סכנה ח"ו וויל איך קענען שטיין צו הילף."

אזוי איז טאקע געווען. יענע נאכט האבן זיי געהאט די זכי' אז דער גאון איז געשלאפן ביי זיי אין שטוב.

אינמיטן די נאכט האט רבי יעקב יוסף אויפגעוועקט זיין זון נחום דוד און אים שטילערהייט געזאגט, "שטיי אויף מיין קינד. איך וויל אז דו זאלסט זען וויאזוי א צדיק שלאפט!"

ער האט אים דאן אריינגעפירט אין שטוב פון רבי ברוך בער, וואס איז געשלאפן מיט די הענט אויפן הארץ, און זיין געזיכט האט אויסגעזען ווי א מלאך.

רוחמה, די יונגסטע טאכטער, דערציילט אין אירע זכרונות (אין איר בוך) וויאזוי זי פלעגט זיך אהיימיאגן פון שולע, מיט א תפילה אויף די ליפן אז דער צדיק רבי ברוך בער זאל זיין ביי זיי אין שטוב. ווי זי דערציילט, "איך בין געווען א יונג קינד, אבער רבי ברוך בער'ס התנהגות האט געמאכט אויף מיר א מורא'דיגן רושם. זיין

ג א נ צ ע

אנוועזנהייט איז געווען פאר מיר א גייסטישע איבערלעבעניש. איך פלעג זיך טעגליך אהיימיאגן פון שולע, און געהאפט אז ער וועט זיין ביי אונז אין שטוב, און ער איז נישט אוועקגעפארן ערגעץ-וואו."

רבי ברוך בער פלעגט האלטן אין מויל אן אויסגעלאשענעם ציגארעטל. ווען איינער פון די קינדער האט אים אמאל געפרעגט דערוועגן, האט ער מסביר געווען אז ער פלעגט רייכערן, און די ציגארעטל האט אים צוגעהאלפן ווען ער האט געוואלט קאנצענטרירן אויף א זאך. איינמאל האט אים זיין טאטע געזאגט, "איך וואלט הנאה געהאט אויב דו וואלסט נישט גערייכערט!" זייט יענעם טאג האט רבי ברוך בער מער קיינמאל נישט אנגעצינדן א ציגארעטל, אפילו ווען דער טאטע האט שוין נישט געלעבט! זיין כיבוד אב איז געווען עפעס עקסטער.

רוחמה דערציילט אין אירע זכרונות אז איינע פון די זאכן וואס האבן איר דאס מערסטע איבערגענומען איז געווען צו באטראכטן די כוונה און יראה מיט וועלכע רבי ברוך בער האט ארויסגעזאגט א ברכה. ער פלעגט ממש שטאמלען ווען ער האט





געזאגט
דאסווארט "ברוך". זיין אויסטערלישע יראהביים ארויסזאגן דעם שם ה' האט איבערגעלאזט אויף איר יונגער נשמה א שטארקן איינדרוק.

אויך דערציילט רוחמה איבער די שבתים וואס משפחת הערמאן האט זוכה געווען צו פראווען מיט די צדיקים.

ווי זי שרייבט: "ווען דער טאטע האט געזונגען זמירות מיט רבי ברוך בער איז עס געווען מעין עולם הבא און האט ארויסגעברענגט די קדושה פון שבת אויף אן אויסטערלישן אופן. ווען דער טאטע האט געזונגען איז זיין שטימע געווען פול מיט רגש, א רויטליכקייט האט זיך אנגעזען אויף זיינע באקן, און א פייערל האט געברענט אין די אויגן מיט ליבשאפט צום באשעפער, וועמען ער פלעגט אלעמאל רופן 'דעם בעלאבאס'. רבי ברוך בער'ס פנים האט געשיינט מיט א הימלישע ליכט. זיין קול האט מיט זיך געברענגט א מורא'דיגן תענוג און געשמאק וואס האט זיך געפילט איבער דער גאנצער שטוב. איך האב דערביי געטראכט צו זיך, 'דאס זעט זיכער אויס ווי דאס געזאנג פון מלאכים!'

אסאך מענטשן זענען אריבערגעקומען צו אונז אהיים אויסהערן די זמירות. דאס הויז איז געווארן אנגעפולט מיט מענטשן וואס זענען געשטאנען ביז אינדרויסן

אינעם קארידאר און אפילו אויף די שטיגן."

...

איינמאל ווען רבי ברוך בער איז געווען אין ניו יארק האט דער דעמאלטסדיגער מעיאר פון ניו יארק, "זשימי וואלקער", באערט דעם גאון ביי א צערעמאניע ווי ער האט אים געגעבן די "שליסל" פון דער שטאט. ביי דער צערעמאניע האט דער מעיאר זיך אנגערופן, "הרב לייבאוויץ מיט זיין עקזיסטענץ פרעגט אפ אלע אפיקורסים. ווייל אזא הייליגער מאן האט געקענט באשאפן ווערן נאר דורכ'ן אייבערשטן!"

רוחמה, זייענדיג א קינד אין שטוב, האט איינמאל ארייגעכאפט א שיינע ברכה פון צדיק. דאס איז געווען אין א רעגנדיגן טאג, ווען דער צדיק האט זיך געגרייט ארויסצוגיין, אבער ער האט נישט געקענט געפינען זיינע קאלאשן. רוחמה האט דאן געהאלפן זוכן און זי האט זיך פלינק אראפגעבויגן אונטער דער זילבערנער שאנק און דארט פארשטעקט האט זי געטראפן דעם צדיק'ס קאלאשן. זי האט זיי ארויסגעשלעפט און אראפגעשטעלט פאר רבי ברוך בער. דעמאלטס האט זיך רבי ברוך בער אנגערופן, "זאלסט זוכה זיין צו טרעפן דיין אמת'ן זיווג!"

ווי רוחמה דערציילט אין אירע זכרונות, איז די ברכה פיל איבערגעשטיגן

די קלייניגקייט וואס זי האט געטון.

אין יענער תקופה וואס רבי ברוך בער איז געווען אין אמעריקע, איז אויך דא געווען א גרופע פון ראשי ישיבות פון אייראפע, וועלכע זענען געקומען מיט דעם ציל צו גרינדן א "ועד הישיבות". זיי האבן געוואלט אהערשטעלן א סיסטעם וויאזוי די צדקות פון אמעריקאנער אידן זאל סיסטעמאטיש גיין אויסצוהאלטן די ישיבות אין אייראפע, וועלכע זענען אין יענע טעג געשטאנען אין א שווערן פינאנציעלן מצב.

משפחת הערמאן האט געהאט די זכיה אז ערב שבועות אין יאר תרפ"ט (צען יאר איידער די צווייטע וועלט מלחמה), זענען צען גרויסע ראשי ישיבות זיך צוזאמענגעקומען ביי זיי אין שבת שטוב, ארום דעם אפגענוצטן טיש וואס האט שוין זוכה געווען צו געבן עסן פאר אזויפיל אידישע קינדער.

צווישן די גדולים וואס זענען געווען ביי זיי אין שטוב זענען געווען: רבי ברוך בער מיט זיין איידעם רבי ראובן, רבי אלחנן וואסערמאן, רבי שמעון שקאפ, רבי ברוך הלוי הורוויץ, רבי יוסף כהנמן און נאך אנדערע.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## זאג נישט צו

אונזערע חכמים דערציילן אונז א מעשה: עס איז געווען א איד מיטן נאמען רבי שמעון פון די שטאט אנטיפאטרה. ווען עס איז געקומען צו זיין שטוב אן ארימאן, האט ער אים געגעבן אש"ל מלא - עסן, טרינקען, און א בעט זיך צוצולייגן. פארשטייט זיך, ווען עס איז דא אזא מכניס אורח, איז די שמועה ארום אין דעם גאנצן געגנט אז רבי שמעון איז א גרויסער מכניס אורח און ער האט זייער ליב אריינצונעמען געסט.

האבן זיך גענומען שטראמען צו זיין הויז פילצאליגע ארימעלייט און הונגעריגע אידן צו שטילן זייער הונגער און דארשט.

אבער איין גאר אינטערעסאנטע מנהג האט ער געהאט: אז בעפאר אן ארימאן איז אוועקגעגאנגען פון זיין שטוב, האט ער גענומען זיין שוך און געשלאגן דעם אורח.

עס איז געווארן מפורסם אין שטאט אז דער רבי שמעון האט טאקע ליב צו געבן עסן פאר אידן, אבער אויב איינער וויל גיין צו אים, דארף ער וויסן אז עס קאסט א פרייז.

די שמועה איז אנגעקומען צו רבי יוחנן בן זכאי.

האט רבי יוחנן בן זכאי געזאגט פאר זיינע תלמידים: "ווי אזוי קען זיין אזא זאך אז א מענטש א מכניס אורח זאל טון אזא מאדנע זאך? איך וויל אז איינער פון ענק זאל דאס גיין בודק זיין און אויסגעפינען וואס איז פשט פון דעם מאדנעם מנהג." האט רבי שמעון בן חנניה געזאגט: "איך בין גרייט צו גיין."

רבי שמעון בן חנניה לאזט זיך ארויס אויפן וועג, ער קומט צום שטאט אנטיפאטרה און גייט צום שטוב פון ר' שמעון. דער מכניס אורח זעט רבי שמעון בן חנניה, האט ער זיך זייער געפריידט און אויסגערופן הויך: "ברוך הבא רבי! וויאזוי קען איך אייך העלפן?" האט ער געענטפערט: "איך וויל עסן". ער האט אים געגעבן צו עסן און טרינקען. דערנאך פרעגט ער אים נאכאמאל: "מיט וואס נאך קען איך העלפן?" האט אים רבי שמעון בן חנניה געענטפערט: "איך בין זייער אויסגעמוטשעט פון די וועג, איך וויל יעצט גיין שלאפן". האט ער אים געגעבן א פלאץ זיך אראפצולייגן.

אינדערפרי איז רבי שמעון בן חנניה אויפגעשטאנען און ר' שמעון פרעגט אים: "רבי, מיט וואס קען איך דיר יעצט העלפן?" "אה! יעצט! איך וויל גיין אין מקוה זיך מטהר זיין". האט ער אים געוויזן א שיינע מקוה וואס ער האט געהאט אין זיין הויז. רבי שמעון בן חנניה איז געגאנגען אין מקוה און נאכדעם געגאנגען דאווענען. ווען ער איז צוריקגעקומען, פרעגט אים ר' שמעון: "מיט וואס נאך קען איך אייך מכבד זיין?" זאגט רבי שמעון בן חנניה: "יעצט וויל איך פרישטאג". האט ער אים געגעבן א פיינעם פרישטאג. נאכן בענטשן האט רבי שמעון בן חנניה זיך הערצליך באדאנקט פאר אלעס און ער איז ארויסגעגאנגען פונעם שטוב. רבי שמעון האט אים אנגעהויבן באגלייטן, רבי שמעון בן חנניה האט א גאנצע צייט געקוקט אויף צוריק צו זען ווען קומען שוין די קלעפ וואס אלע רעדן פון דעם. למעשה ר' שמעון באגלייט אים אבער ער זעט נישט קיין שיך און ער זעט נישט קיין קלעפ.

אזוי קוקנדיג א גאנצע צייט אויף צוריק האט ר' שמעון אים געפרעגט: "רבי, וואס קוקסטו צוריק א גאנצע צייט אן אויפהער?" האט רבי שמעון בן חנניה זיך אפגעשטעלט און געזאגט: "איך וועל דיר דערציילן דעם אמת! רבי יוחנן בן זכאי און זיינע תלמידים האבן געהערט אז דו האסט זייער ליב צו געבן עסן פאר אידן, אבער עס קומט מיט א פרייז אז צום סוף פארן ארויסגיין טיילסטו קלעפ פארן גאסט מיט דיינע שיך, איז איך האב מורא געהאט יעדע סעקונדע אז די קלעפ קומען שוין, וועגן דעם האב איך צוריק געקוקט".

האט ר' שמעון צוטרייסלטערהייט געענטפערט: "איך זוך עפעס צו טיילן קלעפ? נאר עס קומען דא צו מיר געסט און יעדע זאך וואס איך רעד צו זיי און איך פרעג זיי, שווערן זיי און זיי זאגן צי זאכן, און איך ווייס אז וואס זיי זאגן איז נישט אמת און זיי זענען נישט נזהר אין שווערן, וועגן דעם שלאג איך זיי ווייל איך וויל זיי זאלן אויפהערן טון אזא הארבע איסור". איז רבי שמעון בן חנניה צוריקגעגאנגען צו רבי יוחנן בן זכאי און מסביר געווען וואס ר' שמעון'ס כוונה איז. האט שוין רבי יוחנן בן זכאי פארשטאנען וואס דא גייט פאר, אז ער איז נישט קיין שלעגער, ער וויל פשוט אויסלערנען מענטשן צו זיין געווארנט אין שבועות און נדרים.

האט מוהרא"ש אויסגעפירט אז מען דארף זייער אכטונג געבן פון שבועות און נדרים און זען אלעמאל צו זאגן "בלי נדר". וועגן דעם האט מוהרא"ש איינגעפירט אין היכל הקודש בתי מדרשים אז מען זאל נישט זאגן מי שברך ביים ספר תורה אז מען איז מנדב צדקה, נאר מען זאל אלץ זאגן "בעבור שיתן צדקה בלי נדר", צוליב די הארבקייט פון צוזאגן און נישט באצאלן דאס וואס מען האט צוגעזאגט.

*שיחות מוהרא"ש חלק י"ב ערך נדר*



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסוועג

## קמ"ט

## פארזעצונג פון פריער:

**נָאנְט צוּ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ נִיסָן, אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אַ אִינְגְל בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דער רבי האט געמאכט דעם ברית פאר'ן קינד, דער רבי אליין איז געווען דער סנדק און האט אויך געמאכט די חיתוך, מיט די מצוה פון פריעה האט ער מכבד געווען רבי נתן, און מען האט א נאמען געגעבן פאר'ן קינד "שלמה אפרים".**

נָאךְ פֶּסַח הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן צְוֵויי זַאכְן, עֶר קֶען עֶס אָבֶער נִישְׁט זָאגְן וַוייל עֶס זֶעט אוֹיס וִוי פָּשׁוּטֶע זַאכְן, וַוייל עַל פִּי פַּשְׁטוּת זֶעט טַאקֶע דִי זַאךְ אוֹיךְ אַזוֹי אוֹיס לִכְאוֹרָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז עֶר יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דִי זַאכְן.

צוּם עֶרְשְׁט אִיז עֶר גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דָאס וָואס חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת כ"ח:) "אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז עוֹבֵר אוֹיף אַן עֲבֵירָה, "אוֹמֵר שֶׁלֹּא יִרְאַנִי אָדָם", וִויל עֶר אַז קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ זָאל אִים נִישְׁט זֶען. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט צוּגֶעלֵייגְט צוּ דִי וֶוערְטֶער, עֶר הָאט נָאר גֶעדְרוּקְט דִי וֶוערְטֶער "שֶׁלֹּא יִרְאַנִי אָדָם", אָן דֶעם וָואס עֶר זָאל עֶרְקְלֶערְן וָואס עֶר אִיז יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דֶעם, וַוייל עֶר הָאט דָאךְ שׁוֹין פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס עֶס אִיז אִים יֶעצְט אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן, וַוייל בְּפַשְׁטוּת זֶעט עֶס אוֹיס וִוי פָּשׁוּט פְּשַׁט.

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דָאס וָואס עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט "תַּכְלִית הַיְדִיעָה אֲשֶׁר שֶׁלֹּא נֵדַע", דֶער תַּכְלִית פוּן וִויסְן אִיז אַז מֶען זָאל נִישְׁט וִויסְן, "אֲשֶׁר לֹא נֵדַע מַמָּשׁ", מֶען זָאל מַמָּשׁ נִישְׁט וִויסְן. אוּן אוֹיךְ בַּיי דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גָארְנִישְׁט מַסְבִּיר גֶעוֶוען, נָאר גֶעדְרוּקְט דִי וֶוערְטֶער "אֲשֶׁר לֹא נֵדַע, לֹא נֵדַע מַמָּשׁ", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט, "כָאטְשׁ וָואס בְּפַשְׁטוּת מֵיינְט עֶס דָאךְ אַזוֹי, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן בִּין אִיךְ עֶס יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן, אַז דֶער תַּכְלִית פוּן וִויסְן אִיז אַז מֶען זָאל גָארְנִישְׁט וִויסְן, אוּן טַאקֶע מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט וִויסְן".

דֶער רֶבִּי הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אוּן גֶעזָאגְט אַז יֶעצְט אַז וֵוייסְט שׁוֹין אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית פוּן וִויסְן אִיז דָאס נִישְׁט וִויסְן, אוּן טַאקֶע מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט וִויסְן, אִיז עֶר דָאךְ שׁוֹין יֶעצְט לִכְאוֹרָה צוּגֶעקוּמֶען צוּם תַּכְלִית, וַוייל עֶר וֵוייסְט שׁוֹין דֶער תַּכְלִית פוּן וִויסְן, פוּן דֶעסְט וֶועגְן וֵוייסְט עֶר יֶעצְט נָאכְאַלְץ גָארְנִישְׁט, "וַוייל פְרִיעֶר הָאט זִיךְ מִיר דָאךְ אוֹיךְ גֶעדַאכְט אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין בַּיים תַּכְלִית פוּן גָארְנִישְׁט וִויסְן, אוּן יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז אִיךְ בִּין גֶעוֶוען גָאר וַוייט פוּן דֶעם תַּכְלִית", אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַלֵיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אַוֶועקְגֶעמַאכְט, עֶר הָאט יֶעצְט גֶעהַאלְטְן מַמָּשׁ פַאר גָאר נַארִישׁ דִי תַּכְלִית פוּן אַמָאל, וָואס עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעמֵיינְט אַז עֶר אִיז שׁוֹין בַּיי דֶעם תַּכְלִית הַיְּדִיעָה אֲשֶׁר לֹא נֵדַע, "יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דֶער תַּכְלִית הַיְּדִיעָה אִיז טַאקֶע מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט צוּ וִויסְן".

אוּן דֶער רֶבִּי הָאט וִוידֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט מֶער זָאגְן אוּן מַסְבִּיר זַיין, וַוייל עֶס זֶעט אוֹיס פָּשׁוּט טַייטְשׁ, אָבֶער פַאקְטִישׁ אִיז עֶר דָאס יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן, אַזוֹי וִוי דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ.

אִין דִי אַלֶע זַאכְן לִיגְן גָאר טִיפֶע אוּן פַארְהוֹילֶענֶע בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת, אַזוֹי וִוי מֶען קֶען אַבִּיסְל פַארְשְׁטֵיין פוּנְדֶערְוַוייטְנְס, וָואס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן תַּכְלִית הַיְּדִיעָה אֲשֶׁר לֹא נֵדַע.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט גָאר שְׁטַארְק פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וָואס מֶען קֶען דָאס גָארְנִישְׁט אָפְּשְׁרַייבְּן בִּכְלַל. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס גְרוֹיסְקֵייט אִיז אָן קַיין גְרֶענִיץ אוּן אָן קַיין שִׁיעוּר, עֶס טוּט זִיךְ גָאר גְרוֹיסֶע גֶעוַואלְדִיגֶע פָארְכְטִיגֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, מֶען הָאט נָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן בִּכְלַל צוּ הָאבְּן סֵיי וֶועלְכֶע יְדִיעָה אִין דֶעם.

אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דִי זַאךְ פוּן תַּכְלִית הַיְּדִיעָה אֲשֶׁר לֹא נֵדַע אִיז בַּיי יֶעדֶע יְדִיעָה בַּאזוּנְדֶער, דָאס הֵייסְט אַז אֲפִילוּ מֶען אִיז שׁוֹין צוּגֶעקוּמֶען בַּיי אֵיין זַאךְ צוּם תַּכְלִית הַיְּדִיעָה, וָואס דֶער תַּכְלִית אִיז דָאךְ אֲשֶׁר לֹא נֵדַע, מֶען וֵוייסְט שׁוֹין קְלָאר אַז מֶען וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, פוּן דֶעסְטְוֶועגְן הַאלְט מֶען נָאכְנִישְׁט בַּיים תַּכְלִית, וַוייל דָאס אִיז נָאר דֶער תַּכְלִית בַּיי דִי אֵיינֶע יְדִיעָה, אָבֶער בַּיי דִי יְדִיעָה וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן דֶעם הָאט מֶען נָאךְ בִּכְלַל גָארְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן וִויסְן, אוּן אַזוֹי גֵייט עֶס וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער הֶעכֶער אַרוֹיף, קוּמְט אוֹיס אַז מֶען וֵוייסְט קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז מֶען נָאכְאַלְץ נִישְׁט בַּיים תַּכְלִית, וַוייל מֶען הָאט נָאךְ גָארְנִישְׁט אָנְגֶעהוֹיבְּן וִויסְן אִין דִי הֶעכֶערֶע יְדִיעוֹת, וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן דִי יְדִיעָה אִין וָואס מֶען אִיז שׁוֹין צוּגֶעקוּמֶען צוּם תַּכְלִית פוּן אֲשֶׁר לֹא נֵדַע, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*



# קשר חזק

מ׳שטייט נאך אין די וואך פונעם גרויסן יומא דהילולא פון הייליגן מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, אנשי שלומינו ווילן נאר הערן נאך און נאך זכרונות וואס ס׳האט אלץ פאסירט ביי מוהרא"ש, וואס האט מוהרא"ש אלץ געזאגט, וויאזוי אנשי שלומינו זענען מקורב געווארן און אזוי ווייטער, די שוועריקייטן וואס מ׳איז אדורך ווען מ׳איז אנגעקומען, און פון דער אנדערער זייט די אלע בענעפיטס וואס מ׳באקומט ווען מ׳דרייט זיך ביים הייליגן רבי׳ן.

מ׳האט זיך ארומגעקוקט אין בית המדרש, צו זען ווער עס קען זיין דער פאסיגער קאנדידאט אויסצופרעגן איבער יענע יארן, עפעס אן אינגערמאן וואס אלע וועלן גלייכן צו הערן זיין מעשה.

און די אויג איז געפאלן אויף נישט קיין צווייטער ווי אונזער אלעמען באליבטער חבר, און מנהל פון די הייליגע מוסדות אין ארץ ישראל מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו, וואס וויפיל מ׳האט שוין געהערט פון אים, האט מען נאכנישט אנגעהויבן הערן אלעס וואס ער האט אונז צו פארציילן.

איך האף איר וועט הנאה האבן און ארויסנעמען שכל וויאזוי זיך צו פירן אין לעבן אויף לעובדא ולמעשה.

ישראל דוד העסקעל





**שלום עליכם ר' אהרן. לאמיר גלייך צוגיין צום ענין, וועלכע יאר זענט איר אנגעקומען צו מוהרא"ש, און אויב איר קענט אונז אראפלייגן וויאזוי היכל הקודש האט אויסגעזען יענע צייטן.**

איך בין אנגעקומען צו מוהרא"ש בערך אין די יארן צווישן תשס"א און תשס"ב.

בנוגע די שאלה וויאזוי היכל הקודש האט אויסגעזען דעמאלט, לאמיר אביסל צוריקגיין א סטעפ. קודם כל, דאס ערשטע מאל וואס איך האב געזען א ספר פון מוהרא"ש איז געווען נאך מיין חתונה. איך האב געדאוונט אין פאפא שול אין וויליאמסבורג אויף בעדפארד עוועניו, און דארט האב איך געזען ליגן אויפן טיש עפעס אן אינטערעסאנטע ספר מיט א בילד אויף דעם, עפעס מיט 'עיניים'.

איך האב נאך קיינמאל נישט געזען אזא זאך אין מיין לעבן. א קאלירטע ספר, עיניים, נישט קיין גליון. די גליונות זענען נאך דעמאלטס נישט געווען. דאס איז געווען מיין ערשטער ברוך הבא צו א ברסלב'ער ספר.

איך האב געגעבן א קוק אויף דעם, ס'איז געווען פאני. איך האב געגעבן א קוק אריין, און איך האב עס גלייך צוגעמאכט. עפעס האט מיין געפיל געזאגט אז מ'טאר נישט ארייננקוקן אין דעם, און דארט האט זיך עס געענדיגט...

## מיין סיפור התקרבות

מיין התקרבות האט זיך אנגעהויבן פון מו"ה מענדל קאהן הי"ו פון וויליאמסבורג. ער איז מקורב געווארן דורך מיין מחותן מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו.

איך האב דאן געארבעט פאר מוסדות תולדות אהרן. מ'האט געהאלטן אינמיטן א קאמפיין פאר זיי, איך בין געשטאנען אין פארנט פון פאפא שול און פארקויפט עפעס א גורל, איך געדענק נישט פונקטליך וואס איז געווען די קאמפיין, און ר' מענדל קאהן



האט מיר געזען און גענומען מיין נאמבער.

איין טאג בין איך געפארן אויפן דזשארדזש וואשינגטאן ברידזש און איך באקום א פאון קאל: "א גוטן, דא רעדט מענדל קאהן, איך האב דיר געזען אין פאפא שול, איך האב דיר געוואלט פרעגן אויב דו קענסט אפשר זיין א פאנדרעיזער פאר... איך האב עפעס א מוסד, און איך וויל דו זאלסט זיין א פאנדרעיזער."

האב איך אים געפרעגט: "וועלכע מוסד?" האט ער אנגעהויבן צו רעדן עפעס ווערטער אינטער די נאז, ער האט נישט געזאגט קלאר. האב איך אים געזאגט, "זאג וואס דו ווילסט, וואס שעמסטו זיך?"

זאגט ער: "היכל הקודש ברסלב." "וואס איז דאס היכל הקודש?" זאגט ער: אז ס'איז דא א איד אין בארא פארק, ער הייסט מוהרא"ש, ער האט א ישיבה אין בארא פארק, און ער האט א מוסד אין יבנאל, איך וויל דו זאלסט פאנדרעיזן פאר אים."

האב איך אים געזאגט, "זוך דיר א צווייטן קרבן, און זיי מיר געזונט." אבער ער האט מיר נישט געוואלט אפלאזן, ער האט מיר נאכאמאל אנגעטראפן מיט א חבר זיינעם, און זיי האבן מירביידע צוזאמען אנגעהויבן צו משכנע זיין אז איך זאל קומען צו א שיעור פון מוהרא"ש. ס'האט גענומען א שטיק צייט ביז זיי האבן מיר געקענט שלעפן צו א שיעור.

## מיין ערשטע שיעור ביי מוהרא"ש

למעשה, נאכן בעטן און בעטן אפאר מאל בין איך אנגעקומען. איך בין אריין צום שול פון מוהרא"ש אין בארא פארק אויף 42, איך הייב אן צו באטראכטן די פלאץ. אזוי ווי מענטשן קומען אריין דא אין האשקי, און הייבן אן צו קוקן יעדן ספר און יעדן שטיין, אזוי האב איך באטראכט דעם בית המדרש. איך בין אראפגעגאנגען אין די מקוה, ס'האט אויסגעזען אביסל ארץ ישראל'דיג געדענק איך.

איך בין אריין צום שיעור. ס'זענען געזעסן זעקס-זיבן אידן ביים שיעור, נישט מער. איך האב מיך געזעצט און ארומגעקוקט ווער ס'זיצט דארט. איך האב מיך געזעצט ביים סוף פון דעם טיש, איך געדענק אז דער ערשטער שיעור האט מיך בכלל נישט געצויגן, גארנישט, זערא.

די איינציגסטע אינטערעסאנטע זאך וואס איך האב אויפגעמערקט אויף יענעם שיעור, איז געווען, פארוואס זעט מען נישט דא קיין אידן מיט ווייסע בערד? וויאזוי קען זיין אז ס'זיצט אן אלטער איד מיט זעקס אינגעלייט? עפעס שטימט נישט דא! דאס איז געלאפן ביי מיר אין מחשבה דעמאלטס.

שפעטער נאכן שיעור האבן מיר ר' מענדל מיט זיין חבר אפירגענומען, זיי האבן מיר געפרעגט וואס איך האב געפילט. און איך האב זיי געזאגט אז איך האב גארנישט געפילט, ס'איז נישט

אינטערעסאנט פאר מיר, און דארט האט זיך עס געענדיגט.

## מיין ערשטע נסיעה קיין יבנאל

ס'איז אריבערגעגאנגען א האלבע יאר, און זיי האבן זיך ווידער ארויפגעזעצט אויף מיר אז זיי ווילן איך זאל פארן קיין יבנאל. האב איך זיי געזאגט, "דו ווילסט איך זאל גיין אויף יבנאל? איך מאך א דיעל. אז עטץ קויפט מיר א טיקעט און דינגטס מיר א קאר, מיט א סעלפאון וועל איך פארן אויף יבנאל."

זיי האבן דאן געוואלט מקרב זיין ווי מער חסידישע אינגעלייט צו מוהרא"ש. דאס איז געווען זייער אגענדע. למעשה האבן זיי מיר טאקע געקויפט א טיקעט, זיי האבן מיר געברענגט א קאר, איך בין דעמאלט געפארן אויף א חתונה פון א משפחה. איך האב אינגאנצן פארגעסן פון יבנאל, פון די גאנצע זאך. איך האב געטשילט אין ירושלים...

איך געדענק איך האב דעמאלט געפרעגט מיינע חברים פון תולדות אהרן צי זיי האבן געהערט פון מוהרא"ש פון יבנאל. זאגן זיי מיר, "יבנאל? מיר זענען געווען עטליכע מאל שבתים דארט. איך בעט דיר, גיי נישט אהין!"

נאכדעם האב איך געטראפן נאך א חבר אין בית שמש און איך האב אים דערציילט אז איך וויל גיין באזוכן יבנאל. זאגט ער מיר, "טו מיר א טובה, גיי נישט דארט!"

למעשה, איך האב געהאט א קאזינ'ס חתונה אין בני ברק און איך בין געגאנגען צו דער חתונה. נאך דער חתונה, צוועלף אזייגער, האב איך אנגעהויבן מאכן א חשבון הנפש. א מענטש האט מיר באצאלט געלט פאר א טיקעט, וואס שטערט מיך צו גיין? איך האב גערעדט צו מיר אליין. וואס שטערט מיך צו גיין קוקן דעם פלאץ?

ס'איז נישט געווען קיין GPS, ס'איז נישט געווען קיין Waze, ס'איז גארנישט געווען, ס'איז געווען א מאפע. איינס אזייגער



ביים בית התבשיל אין יבנאל, די ערשטע לינקס איז מו"ה חיים בנציון גראס נ"י

ביינאכט, מ'זעצט זיך אויף די מאפע און מ'זעט יבנאל, א פינטל נעבן טבריה. וויאזוי פארט מען? וויאזוי גייט מען?

ס'האט מיר גענומען זעקס, זיבן שעה צו טרעפן יבנאל. איך האב זיך אפגעשטעלט אין יעדן שטאט, פון שטאט צו שטאט, געפרעגט וויאזוי מען פארט קיין יבנאל. איינער האט מיר געשיקט רעכטס און איינער לינקס...

איך קום אן אין יבנאל, בין איך אריינגעבלאנדזשעט אין א שול. איך פרעג צי דאס איז יבנאל און צי דאס איז ברסלב. האט מיר יענער געזאגט, "דאס איז יבנאל, לגבי ברסלב, גיי נישט דארט, דאס זענען משוגע'נע מענטשן." דאס איז געווען מיין ערשטער אריינפיר צו יבנאל.

## מיין ערשטע רעאקציע אין יבנאל

למעשה, ביז איך האב מיך ארומגעבלאנדזשעט דארט אין שטעטל, בין איך אנגעקומען צום תלמוד תורה. די תלמוד תורה איז היינט אביסל פארן ציון. איך האב געוואלט אריינגיין, ס'איז שוין געווען פארטאגס, און מ'האט שוין געזען די ליכטיגקייט. איך האב געוואלט אריינגיין, ס'איז געווען טרעילערס דארט, און איך זע אין דעם טרעילער א פיקטשער פון אן אלטן איד. דער אלטער איד איז געווען מוהרא"ש, מיט די צוויי הענט אזוי ארויף אויף א בארג. איך האב זיך געזאגט, "טו מיר א טובה, לאז מיך אוועקלויפן פון דעם פלאץ." די פיקטשער האט מיר געזאגט אז דאס איז א בית משוגעים דא, און איך וויל אפפוצן ווי שנעלער איך קען פון דא.

איך האב זיך ווייטער ארומגעקוקט און האב געזען עפעס זייער מאדנע בילדער פון באבא סאלי, און הרב כדורי. וואס גייט דא פאר? וואס איז די קאמבינאציע דא? ס'איז געווען זייער מאדנע, די גאנצע מעשה דארט. אזוי בין איך אריין אין קאר און האב געזוכט וואו מ'קען דאווענען. איך טרעף די שול, ס'איז געווען א קליינע שול, די ערשטע שול אונטער מוהרא"ש'ס הויז. ס'איז געווען די ערשטע מאל וואס איך האב געזען תכלת ציצית. איך ענדיג דאווענען, איך לייג צוזאם די תפילין, און איך בין שוין אויפ'ן וועג אוועקצופארן פון דארט.

ס'איז שוין געווען מיטוואך. אזוי ווי איך בין ארויסגעגאנגען, איז מוהרא"ש אראפגעקומען פון אויבן פון דער דירה, און ער זעט מיך ביי דער טיר. איך בין שוין געשטאנען ביים טיר און מוהרא"ש גיט א קוק פון יענער זייט, און ער מאכט אזוי צו מיר מיט די הענט אז איך זאל קומען צו אים.

בין איך צוגעגאנגען צו מוהרא"ש, ער גיט מיר שלום עליכם, און ער זאגט מיר, "דו ווערסט זיין ביי מיר שבת".

יענעם שבת איז אויך געווען דארט מו"ה משה קרויס הי"ו, אסאך געסט זענען דארט געווען אויף שבת. עס איז געווען א

ברית יענעם מיטוואך, מוהרא"ש האט מיר געשיקט שיריים. אזוי האב איך מיך דארט געדרייט און געפרייט, איך ווייס נישט וואו איך בין דא אריינגעפאלן אין עפעס א פאסקע, איך ווייס נישט וויאזוי מען וועט זיך ארויסזען.

דאנערשטאג האב איך מיך געדרייט דארט. איך האב געפלאנט ארומצופארן אויף טבריה צו מיינע קרובים. פרייטאג צונאכטס האב איך געגעסן ביי מוהרא"ש. דארט האט זיך געטוישט די גאנצע וועג וויאזוי איך האב געקוקט אויף דעם צדיק. מיר זענען געזעסן דארט, מוהרא"ש איז געזעסן ווי א מלך, ארום און ארום איז געווען פול מיט געסט. ס'איז געווען א סעודה, א טיש מיט אלע גוטע מאכלים. ס'איז געווען אלע סארט באטלער סאדע, מיט אלע סארט דזשוסעס, אלע מיני דיפס כל טוב וטוב.

ס'האט מיר זייער געכאפט אז מוהרא"ש איז זייער א נארמאלער מענטש. ער האט געהאט א שיינע שטריימל, נישט אזא צוקוועטשטע. ער האט געהאט א שיינע ווייסע בעקיטשע מיט סאמעט, און ער האט גערעדט זייער שיין ביים סעודה. ער האט פארגעלערנט פון הייליגן ספר נועם אלימלך, און אזוי האב איך זיך בארואיגט. אה, ס'איז א נארמאלער מענטש. ער האט געשמועסט מיט די געסט, ס'איז געווען זייער א שיינער שמועס. איך האב געזען פאר מיר זייער א נארמאלן מענטש.

## מיין ערשטע באזוך אין היכל הקודש וויליאמסבורג

זונטאג בין איך אהיימגעקומען און איך האב געטראפן די חברים וואס האבן מיר באצאלט די נסיעה, און זיי האבן מיך אנגעהויבן אויסצופרעגן וואס איך האב געזען און וואס איך האב געהערט וכו'. נאכן שמועס האבן זיי מיר געזאגט אז דא איז דא א שול פון תלמידי היכל הקודש און איך זאל אריינקומען אמאל צו שעפן התחזקות.

א צייט שפעטער בין איך טאקע אהינגעגאנגען עס אויסטשעקן



און איך האב זייער הנאה געהאט. ס'איז געווען זייער ווארעם יונגעלייט, ס'איז מיר זייער געפאלן. ס'איז מיר אריין אין דיביינער אז ס'איז דא דא שיינע שיעורים, ווען מ'דארף חיזוק.

ס'איז געקומען פאר ראש השנה, מ'האט אנגעהויבן צו רעדן וועגן אומאן. דעמאלט האב איך שוין געוואוסט אביסל פון התבודדות, און איך האב שוין געוואוסט אביסל פון אומאן, אבער איך האב נישט געקענט מאכן די החלטה אז איך גיי פארן קיין אומאן.

יענעם ראש השנה האב איך געכאפט זייער א שווערע רויז. איך בין געלעגן אין בעט די גאנצע ראש השנה, ס'איז געווען זייער זייער שווער. איך האב מיך אויסגעדרייט אינמיטן ראש השנה צום וואנט, און געזאגט: "באשעפער, אויב דו ווילסט מיר אוועקנעמען יעצט פון דער וועלט, וויל איך כאטש איין מאל אין מיין לעבן זיין ראש השנה אין אומאן." דאס איז געווען מיין ערשטע התבודדות וואס איך געדענק.

## פאנדרעיזינג פאר ברסלב

צוביסלעך האב איך אנגעהויבן צו קומען יעדן ליל שישי צו די שיעורים. און מיר האבן אנגעהויבן צו טראכטן אויף א וועג ווי אזוי מיר גייען מאכן פאנדרעיזינג.

מיר זענען געגאנגען צו רבנים. צום ערשטן זענען מיר געגאנגען צום ברך משה מסאטמאר ז"ל. דער ברך משה האט אונז זייער שיין אויפגענומען. דארט איז געווען דער היינטיגער סאטמארער רבי פון וויליאמסבורג. ער האט פארהערט די בחורים, און ער איז זייער נתפעל געווארן, ער האט אונז געגעבן זייער א שיינעם בריוו. נאכדעם זענען מיר געגאנגען צום ווינער רב שליט"א, ווינער רב האט אונז אויך געגעבן א שיינעם בריוו, און אזוי צו נאך רבנים. למעשה אויף דערווייל האט זיך דא געענדיגט פאר מיר די פאנדרעיזינג.

די פאנדרעיזינג האט זיך אויסגעלאזט א גרויסע באלאוני... פאר 20 יאר ביז יעצט, מיטן אייבערשטנס הילף, ווען איך בין אויפגענומען געווארן אלס פאנדרעיזער פאר מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש.

און דארט האט זיך טאקע אנגעהויבן מיין סיפור התקרבות. איך האב אנגעהויבן צו קומען יעדן ליל שישי צום שיעור, איך האב אנגעהויבן צו ווערן א גוטער איד, איך האב אנגעהויבן תשובה צו טון.

נאך דעם ערשטן, צווייטן, דריטן שיעור האב איך שוין געזאגט, "פה אשב כי אויתיה", דא בלייב איך.

א גאנץ יאר זענען געווען שיינע שיעורים ליל שישי. מ'האט שיין גערעדט פון מידות, שלום בית. די ערשטע מאל האב איך געהערט א השגה פון שלום בית, פון אייבערשטער, און איך מיז דיר זאגן אז

דער סדר דרך הלימוד איז געווען די ערשטע זאך וואס האט מיך זייער שטארק געכאפט.

## געהאקטע שטיקער מיטן סדר דרך הלימוד

א גאנצן ווינטער פלעג איך מיך לייגן שלאפן אכט אזייגער ביינאכט. איך פלעג אויפשטיין צוויי אזייגער פארטאגס, איך האב זיך איינגעזעצט אין סיגוטער ביהמ"ד וואס איז געווען נעבן מיין הויז, און געהאקט פרקים משניות מיט דפים גמרא, מדרשים, חומש, און אזוי ווייטער. איך פלעג דארט אליינס זיצן אין שול און זיך אנגעפילט מיטן דרך הלימוד. איך האב זייער אסאך געלערנט די ערשטע האלבע יאר. קיינער האט מיך נישט געשטערט, קיינער האט נישט געזען. ווען דער עולם איז אנגעקומען זעקס אזייגער האב איך שוין געהאט געענדיגט...

איך געדענק ווי איך האב געמאכט מיין ערשטע סיום הש"ס. איך בין געווען ממש א יאר נאך מיין התקרבות. איך האב געשלונגען מיט דארשט יעדן דף גמרא, איך האב געקענט האקן פופציג-הונדערט בלאט אין איין אטעם. איך געדענק, ביי דעם ערשטן סיום הש"ס בין איך אריין צו מוהרא"ש זאגן אז איך האב געמאכט א סיום הש"ס. האט ער מיר געהייסן אריינרופן אלע יונגעלייט, די וויליאמסבורגע יונגעלייט, און ער האט זיי געזאגט: "עטץ האטס געהערט? וועבערמאן האט געמאכט א סיום הש"ס." מוהרא"ש איז געווען אזוי פרייליך מיט מיין ערשטן סיום הש"ס, איך קען דיר נישט מסביר זיין.

## באצאלט די גראסערי פון מוהרא"ש

איך האב דעמאלטס געארבעט ביי פלאם'ס אפעטייזינג. איך האב מיך געזעצט אויף א טראק און געארבעט. די איבעריגע סעלעדס וואס זענען מיר געבליבן, פלעג איך טראגן צו מוהרא"ש. נאכדעם איז געווען אז איך האב דעליווערט צום



גראסערי וואו מוהרא"ש האט איינגעקויפט. איך האב געכאפט א שטיקל שמועס מיטן בעל הבית און איך פרעג אים אויף מוהרא"ש אויב ער קען דעם איד. זאגט ער מיר יא! דער איד האט א ריזיגע באלאנס דא פון א ישיבה עפעס... איך פרעג אים וויפיל איז דער באלאנס? אפאר טויזנט דאלאר. איך האב אנגעהויבן אריינצולייגן דארט יעדע וואך געלט. איך האב עס נאך קיינעם נישט פארציילט! איך געדענק דעמאלט אז דער מענטש האט אנגעהויבן צו קוקן אנדערש אויף מוהרא"ש.

די ערשטע תקופה וואס איך בין געקומען צום ליל שישי שיעור פון מוהרא"ש, פלעגן זיך חברים פון וויליאמסבורג מיטכאפן מיט מיר. און ווען איך פלעג פארקירן דעם קאר, פלעגן זיי מאכן א ויפן כה וכה, זיך אומקוקן אויב איינער זעט זיי אריינגיין צום שיעור פון מוהרא"ש... און איך האב געקוקט אויף די מענטשן... איך פארשטיי נישט. אז ענק האבן מחליט געווען אז עטץ ווילט דא קומען, וואס איז די זאך פון זיך באהאלטן? דאס האב איך נישט געקענט פארשטיין. איך האב מחליט געווען פאר מיר, אויב איך קום דא, גייט מיר נישט אן וואס מענטשן גייען זאגן אויף מיר.

ביי מוהרא"ש איז דער עיקר געווען די ליל שישי שיעורים, אבער ווען איך בין אריינגעגאנגען נאך די ליל שישי שיעורים, האט מוהרא"ש געקענט פארברענגען מיט מיר איבער א שעה מיט א מורא'דיגע ליבשאפט. איך האב געפילט ווי ער איז מיין טאטע. אזוי גוט האט ער מיך געמאכט שפירן און איך האב געוואוסט אז איך האב א טיר אפן ווען איך האב א שאלה קען איך אריינגיין פרעגן מוהרא"ש.

איך געדענק אפילו, איך האב אנגעקאלט מיין טאטע, איך האב אים געזאגט, "ס'איז דא א איד וואס הייסט הרב שיק פון בארא פארק, איך האב אנגעהויבן צו גיין צו זיינע שיעורים." מיין טאטע האט נישט געוואוסט ווער דאס איז, און מיר געזאגט, "אה, זייער גוט."

עס איז געקומען רבי נתן'ס יארצייט, און מוהרא"ש איז געפארן אויף ארץ ישראל, ער פלעגט פארן זייער אסאך אויף יבנאל. דעמאלטס האט רבי יצחק שליט"א געמאכט א סעודת הילולא אין וויליאמסבורג אויף דיוויזשאן, אין עפעס א הויז. דעמאלטס האב איך געהערט די ערשטע מאל רבי יצחק שליט"א רעדן. ער האט פארציילט די מעשה פון רבי נתן מיט די בייגלס מיט דעם חלום. ס'איז מיר געווען זייער אינטערעסאנט, ס'איז מיר אריין אין די ביינער די יענע דרשה. רבי יצחק שליט"א האט גערעדט מורא'דיג הארציג, דברים היוצאים מן הלב.

## מיין ערשטע נסיעה קיין אומאן

און אזוי האט זיך געשלעפט פסח, שבועות, ביז פרשת כי תבוא, און מוהרא"ש האט אנגעהויבן צו רעדן פון אומאן. דעמאלט האט זיך אנגעהויבן די ערשטע קריעת ים סוף, מחליט זיין צו



מיין צווייטע ראש השנה אין אומאן מיט מיין זון אברהם יושע נ"י

מ'פארט צי מ'פארט נישט. ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן, איך האב מחליט געווען אז איך פאר און מיין ווייב האט מיר געזאגט אז איך קען פארן.

ס'איז געווען עפעס איינער, א ירושלים'ער וואס האט געמאכט א טענט, און ער האט געקאכט דארט עסן, און פארקויפט עסן. דאס איז געווען גלייך אין אנפאנג.

איך האב מיך באפריינדעט מיט אן איד, און ביי אים האב איך געדונגען א בעט. ער האט מיר פארדינגען א בעט אין דעם האטעל, א נייע בילדינג, איינע פון די בילדינגס פון פושקינא.

איך קום אן אין עירפארט, און מענטשן פרעגן מיר, "וואו דאוונסטו?" ס'איז געווען זייער ווייניג אשכנזים וואס זענען דעמאלט געפארן, איך האב נישט געוואוסט אז ס'איז דא אזא זאך ווי א קלויז...

"איך דאווען ביי..." איך האב נישט געוואוסט אז מ'טאר נישט זאגן, "איך דאווען ביי מוהרא"ש." וואו! האבן מיסילס אנגעהויבן צו פליען דארט, מ'איז מיר אזוי באפאלן דארט, דאס איז געווען מיין ערשטע באגעגעניש מיט ברסלב'ע אידן, די ערשטע שלום עליכם.

## נעם דיין רענצל און גיי פון דאנעט

מיר זענען אנגעקומען, און איך האב געטראפן מיין פלאץ. איך גיי ארויף צום צימער, איך גיי אריין, איך כאפ א פיינע שאוער. איך גיי ארויס אין פארטש, מ'זעט פושקינא, מענטשן קומען, אלע סארטן מענטשן. ס'איז זייער אינטערעסאנט, אזוי ס'גייט נישט אדורך קיין האלבע שעה, א איד קומט אריין, ער פרעגט, "וויאזוי הייסטו?" איך זאג אים מיין נאמען. "איך האב געדינגען ביי דעם און דעם די בעט." "אנטשולדיגט, ס'איז א מקח טעות, נעם דיין רענצל און פוץ ארויס פון דא."



מיין שטוב אין אומאן מיט אלעס סארט אידן

דאס איז געווען זייער א ביטערע פיל. איך האב צוזאמגעפאקט מיין רענצל און איך האב געזוכט א טעקסי אהיימצופארן.

איך האב שוין געהאט באצאלט געלט, און איך טרעף מיך אויף פושקינא מיט מיין רענצל. איך קען נישט קיינעם דא. וואו גייט מען? איך האב א טעלעפאן, אבער איך האב נישט וועמען צו רופן. אינמיטן טרעף איך נישט מער נישט ווייניגער איינער פון די חברים פון היכל הקודש. ער פרעגט מיך וואס גייט פאר, זאג איך אים וואס ס'גייט פאר, זאגט ער מיר, "האב נישט מורא, ווארט דא, איך גיי דיר ערלעדיגן א בעט." און איך ווארט נאך ביז יעצט...

ראש השנה האט מען געדאוונט מיט מוהרא"ש אין א קליינע דירה נעבן דעם קלויז. ס'איז געווען געפאקט, מ'האט גארנישט געקענט הערן. ס'איז מיר זייער שווער געווען. איך בין געווען געוואוינט צו א שיינע בעלי תפילה מיט לופטיגע גרויסע שולן... און איך בין אנגעקומען דארט, מ'האט נישט געהערט גארנישט...

רבי יצחק שליט"א האט געדאַווענט שחרית, און רבי דניאל שליט"א האט געדאַווענט מוסף, און מ'האט גאָרנישט געהערט, ווייל ס'איז געווען זייער געפּאַקט. האב איך מיר געשטעלט אין אַ זייט און איך האב געדאַווענט אַזוי ווי ס'גייט. איך האב געדאַווענט פון דעם מחזור פון אָנהייב. אַזוי ווי סתם אַ מענטש שטעלט זיך דאַווענען ביים כותל. און איך געדענק נישט קיין "לשנה טובה" דאָרט, איך געדענק נישט קיין תקיעת שופר, די זאַכן געדענק איך גאָרנישט פון דעם ערשטן יאָר. דאָס איז די איינציגסטע זאַך וואָס איך געדענק, אפילו ביים ציון האט מיך גאָרנישט געכאַפּט, און אַזוי בין איך אַהיימגעפאָרן.

די צווייטע יאָר בין איך שוין געפאָרן מיט מיין זון אברהם יושע נ"י פאַר די זיבן יאָר. יענע ראש השנה איז געווען מיין ערשטע אָפּערעישאָן ביים ציון. דאָרט האט דער רבי געמאַכט אַ מעידזשער מעידזשער אָפּערעישאָן אויף מיר. אַן אָפּערעישאָן פאר אייביג. דאָס איז געווען די צווייטע יאָר.

די צווייטע יאר האב איך שוין געדארפט זוכן אליין א דירה. און איך



אין יבנאל מיטן ראש ישיבה און מנהל שליט"א

האב געזען אז ס'איז נישט קיין תכלית צו גיין צו די אלע טענטס מיט די אלע קאמערשעל פלעצער. מיין טייערע ווייב פלעגט מיר צאמפאקן פון חלה ביז קאמפאט, און איך פלעג מיר אלעס מיטנעמען. שפעטער מיט די יארן, ווען מיר האבן אנגעהויבן צו ברענגען נאך קינדער, האב איך גענומען א גרעסערע דירה, מער פריוואט, ביז די לעצטע פאר יאר איידער דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן צו מאכן די חבורה. דאן האב איך שוין געהאט א ריזיגע דירה, איך האב שוין געהאט איידעמער דארט, און חתונה געהאטע קינדער. שפעטער זענען אויך מיינע ברידער מקורב געווארן - ר' יואל מיט ר' אברהם הערש - זענען זיי אויך געקומען עסן דארט. דאס איז אזוי אנגעגאנגען ביז דער ראש ישיבה האט איין יאר געזאגט אז ער גייט אנהייבן צו מאכן אן אייגענע חבורה, און ער וויל אז איך זאל קומען צו אים שלאפן.

## לייג און אראפ וויאזוי האט אויסגעקוקט יבנאל יענע יארן

איך וועל דיר זאגן, רוב חברים וואס האבן זיך געדרייט ביי מוהרא"ש זענען נישט געפארן קיין ארץ ישראל, אבער איך פלעג יא פארן. איך האב געהאט משפחה דארט, און איך פלעג יא פארן. ווען איך בין געקומען קיין יבנאל, בין איך איינגעשטאנען און געגעסן ביי מוהרא"ש. מוהרא"ש פלעגט מאכן זיכער אז איך עס ביי אים יעדעס יאר, ביז ממש די לעצטע יארן. איך בין געווען איינמאל א שבת, די לעצטע שבת וואס איך בין געווען אין יבנאל איידער מוהרא"ש איז אוועק, א יאר פארדעם. איך בין אליין איינגעשטאנען מיט מוהרא"ש אין דער דירה. דאנערשטאג האט ער געהאט די הארץ אטאקע לא עלינו, און יענעם שבת בין איך איינגעשטאנען ביי אים צום לעצטן מאל.

אין יבנאל איז געווען זייער אינטערעסאנט. ס'איז געווען א נייע קהילה, ס'איז שוין געווען גאנץ אסאך פאמיליעס, ס'האט געהאט א תלמוד תורה מיט א ישיבה. ס'איז געווען זייער זייער אינטערעסאנט פאר מיר, יעדעס מאל עקסטער ווען איך פלעג דארט קומען.




מיין ערשטע וויזע צו פארן קיין אומאן

## וואס קענט איר אונז פארציילן איבער הפצה יענע יארן

איין יאר בין איך געווען זומער אין דושינסקי קאלאני. מיין שוואגער האט מיר געגעבן זיין באנגעלאו, און איך האב געטראפן דארט המפיץ מו"ה נתן יאקאבאוויטש שליט"א. ער קומט מיר פרעגן אז ר' יענקל דער מפיץ קומט ארויף צו מאכן הפצה זומער אויף די בערג און ער האט נישט וואו צו שלאפן, אויב איך קען אים אפשר אריינעמען צו מיין באנגעלאו צו שלאפן ביי מיר. מיין באנגעלאו איז געווען איין רום מיט א שטיקל קיך... איך האב געפרעגט מיין טייערע ווייב, און זי האט געזאגט, "יא, אדרבה ואדרבה."

די החלטה וואס מיין ווייב האט דעמאלטס געמאכט איז געווען זייער א מסירת נפש'דיגע, ווייל ס'איז געווען א באנגעלאו מיט וויליאמסבורגער יאנטשיס, און מ'האט געזען ווי מ'ברענגט ספרים. א גאנצע זומער האט מען געברענגט טראקלאודס מיט סידורים, די דעמאלטס'דיגע קונטרסים, מ'האט דעמאלטס מפיץ געווען זייער שטארק די סידור "עת רצון", קליינע און גרויסע. מו"ה אייזיק אפפעל הי"ו האט געהאט א ווען, און ער פלעגט אנפילן די גאנצע ווען מיט ספרים, און איך האב געהאט איין סטארעדזש רום. מ'האט אנגעפילט די גאנצע רום מיט ספרים, און דאס האט מען מפיץ געווען פון דאנערשטאג ביינאכט ביז מאנטאג צופרי.

אזוי איז מיר דעמאלט אויסגעקומען ארומצופארן מיט ר' יענקל און נעמען שימוש פאר הפצה. מ'איז געגאנגען צו די סאטמארער קעמפ, מ'האט פארקויפט דארט ספרים, די סידור "עת רצון" האבן די קינדער געקויפט אין דעם פארקינג לאט. די קינדער האבן געזען א סידור פאר א דאלער האבן זיי געקויפט. איך בין געגאנגען פון קעמפ צו קעמפ, פון ישיבה צו ישיבה. דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס איך האב געזען הפצה לייוו.

מוהרא"ש האט קיינמאל נישט גערעדט צו די חסידישע יונגעלייט פון הפצה, און ער האט קיינמאל נישט געזאגט מ'דארף מפיץ זיין, ער האט נישט געפרעגט. און איך בין אים אויך נישט געגאנגען זאגן אז איך גיי מפיץ זיין. איך האב געפילט אז דאס איז ריכטיג, און דאס איז וואס מוהרא"ש האט אויפגעשטעלט, און דאס האט ער געדריקט.

דעמאלטס בין איך אריין אין דעם גאנצן ליין פון הפצה. ס'איז אנגעגאנגען דריי יאר וואס ר' יענקל איז איינגעשטאנען ביי מיר. צוביסלעך האב איך אנגעהויבן צוצוקוקן וואס ער טוט. ער האט מיר אויסגעלערנט וויאזוי מ'גייט אריין אין א רעסטאראנט, און וויאזוי מ'רעדט מיט מענטשן, וויאזוי מ'איז מפיץ. דאס איז געווען א התחלת הפצה. קיינער איז דעמאלטס נישט געגאנגען דא הפצה.

## פארציל אונז וויאזוי עס האט זיך אנגעהויבן די קשר מיטן ראש ישיבה שליט"א

מיין התקרבות צום ראש ישיבה איז געווען אין ווינער קעמפ. איך האב דאן פארקויפט אייז קרים, איך בין אנגעקומען אהין אין ווינער קעמפ, איך קוק דארט ארום, און איך זע זאכן וואס מ'זעט נישט אין אנדערע קעמפס. דעמאלט האב איך קאנעקטעד דאס ערשטע מאל צום ראש ישיבה.

שפעטער, ווען דער ראש ישיבה האט געעפנט די ישיבה, האט עס געהייסן אז ס'גייט זיין אין א געוויסער שול אין וויליאמסבורג, אבער אזוי ווי דער ערשטער טאג פון פתיחת הזמן איז אנגעקומען, האבן זיי צוריקגעצויגן און נישט געלאזט די ישיבה זיך עפענען אין יענער שול. מיין קרוב האט דעמאלט געהאט א זאל אין וויליאמסבורג, האב איך עס פאר די ערשטע פאר טעג אויסגעגעבן פאר דער ישיבה ביז מ'וועט טרעפן א צווייטע שול וואו זיך צו פלאצירן.



ביים טרעפן דעם ערשטן מאל דעם ראש ישיבה אין ווינער קעמפ

שפעטער האט מען געטראפן א שול אין וויליאמסבורג, און די צווייטע זמן איז מען געווען אין בארא פארק.

דעמאלט איז מוהרא"ש געקומען דאס ערשטע מאל. ביי יענע דרשה האט מוהרא"ש גערעדט זייער שטארק פון דעם ראש ישיבה. וויאזוי מ'זאל פאלגן, און וויאזוי מ'גייט מצליח זיין, און וויאזוי מ'גייט חתונה האבן, און מ'גייט טרעפן שידוכים.

## דער ראש ישיבה'ס דאווענען אין אומאן

שפעטער איז מוהרא"ש געקומען איין מאל פאר ראש השנה, און ער האט געזאגט אזוי: "איך ברענג אייך מיט א מתנה." און יעדער האט אנגעשפיצט די אויערן. האט מוהרא"ש געזאגט: "ער האט זיך מתבודד געווען, און ער וויל דער ראש ישיבה זאל זיין דער בעל תפילה שחרית, און איך בעט ענק אז איר זאלט זיין פון די כאר. איך האב געהערט אז מ'לערנט מיט ענק די נוסחאות דא". נאכן שיעור האט דער ראש ישיבה געדאוונט מנחה פארן עמוד, מ'האט געדאוונט דעם נוסח פון ראש השנה. ס'איז געווען מורא'דיג הארציג. מוהרא"ש איז געווען זייער פריילין, און איך געדענק דעמאלטס איז געווען ביי מיר די הכתרה.

דעם קומענדיגן יאר זענען מענטשן געוואויר געווארן אז ס'איז דא א שיינע דאווענען אין אומאן, זענען אלע חסידישע אינגעלייט געקומען. דער ביהמ"ד פלעגט זיין ליידיג פארדעם. א יאר נאכדעם איז שוין נישט געווען קיין אין זיך צו זיצן ווען דער ראש ישיבה האט אנגעהויבן צו דאווענען. טויזנטער מענטשן האבן געדאוונט, אמת בלי גוזמא.

שפעטער זענען געקומען אזויפיל חסידישע אידן, און דער ראש ישיבה האט געבעטן אז מ'זאל רעדן איין דרשה אויף אידיש, ווייל מוהרא"ש פלעגט רעדן אויף לשון הקודש. און מוהרא"ש האט טאקע געגעבן איין דרשה אויף אידיש.



אין קעמפ תשס"ט ארומגענומען מיט די חשובע בחורים

## צום שלוס וואלט געווען וויכטיג צו אויסשמועסן א נקודה וואס אסאך מענטשן טראכטן, אז זיי האבן פארפאסט די יארן וואס מוהרא"ש האט געלעבט, וואס קענט איר זאגן צו די אידן?

איך דאנק דעם אייבערשטן זייער שטארק אז איך בין געווען ביי מוהרא"ש די אלע יארן, אבער זייער אסאך נייע מקורבים, אפילו פון מיין יארגאנג וואס קומען אן יעצט צום ראש ישיבה, פרעגן מיך טאקע זייער אסאך, סיי די ארץ ישראל'דיגע, און סיי דא אין אמעריקע, צו זיי האבן פארפאסט עפעס.

די ענטפער איז אוודאי, ווען מ'איז ביי א צדיק איז דאס א מורא'דיגע זאך, אבער ווער ס'קומט יעצט אן, האט פון די אנדערע זייט א גרויסע מעלה, אז די קהילה איז זייער שטארק אויפגעבויט, ס'איז צוגעשטעלט מער און שענער וואס ס'איז נישט געווען דעמאלט בכלל, מ'האט נישט גע'חלומ'ט אז מ'גייט אנקומען צו אזא מצב אז מ'גייט האבן מוסדות מיט שולן און אלעס וואס מ'דארף פאר א קהילה. ממילא, ס'מוז נישט זיין אז אויב זיי וואלטן דעמאלטס געווען וואלטן זיי געבליבן, ווייל רוב פון מיינע חברים וואס מיר האבן זיך געהאלטן זייער גוט זענען שוין היינט נישט אין היכל הקודש.

**א גרויסן יישר שכח פארן איבערגעבן דיין סיפור התקרבות, און ווי אויך אלע מעשיות וואס האט זיך דעמאלט אפגעשפילט און אזוי ווייטער. מיר ווענלן מיזן דא זיך אפשטעלן און משלים זיין ווייטער ביי א צווייטע געלעגענהייט.**



ביים אהיימטראגן דעם ראש ישיבה מיט די בחורים פון ישיבה שנת תשע"א

**דער אייבערשטער זאל העלפן אז מ'זאל זיך קענען האלטן שטארק דא אין היכל הקודש, און פאלגן דעם ראש ישיבה, ווען מען זיכער האבן א גוט לעבן בזה ובבא.**



אין קעמפ תשע"א



ביי א ברית פון בן מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו



די ערשטע וואן וואס האט געטראגן די בחורים צום צאן לערנען



אין קעמפ תשס"ט



בײַם תנאים פון מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו אין ישיבה



מ'האקט שטיקער אין קעמפ תשס"ט



אין א ריקוד בײַם פארענדיגן דעם בנין הישיבה 27 סקילמען



מלוה מלכה אין קעמפ תשס"ט



בײַם פארברענגען מיט די בחורים זומער תשס"ט

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





**שיינע חברים מסיבה לכבוד דעם אויפנעמען פון צוויי נייע מעמבערס אין שטוב פון מו"ה ליפא שווארץ הי"ו אין שטעטל - א' בשלה**

קרעדיט: ליפא שווארץ



**סיום אויף הלכות קידוש אין ישיבת היכל הקודש ירושלים - ב' בשלה**

קרעדיט: שלמה מינצבערג



**אין א שמועס פון הפצה אין ישיבה - א' בשלה**

קרעדיט: יוסי פרערויא





**די געטרייע מלמדים ביים לערנען מיט די קינדער אין ביהמ"ד צוליב די שניי אין שטעטל - א' בשלח**



**די געטרייע מלמדים ביים לערנען מיט די קינדער אין ביהמ"ד צוליב די שניי אין שטעטל - א' בשלח**



**ביים אויפשארן די שניי אין פארנט פונעם בנין הישיבה אין וויליאמסבורג - ב' בשלח**

קרעדיט: יוסי פררוויא



**די קינדער פונעם תלמוד תורה אין קרית יואל אויף א טריפ צו א פארם פון טשיקענעס און פייגלעך לכבוד פרשת בשלח - שירה - ג' בשלח**

קרעדיט: נפתלי זאבעל




**געטרייע חברים וואלונטירן ביים העלפן פאררעכטן די באס פונעם חדר - ב' בשלח**

קרעדיט: ליפא שווארץ





**שיעור פאר אינגעלייט לכבוד שובבי"ם דורכן מגיד שיעור מו"ה משה שמואל שטעסל שליט"א אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים - ד' בשלח**

קרעדיט: זלמן וויזעל, שמעון עוזר פערל





**א בליק אריין אין כולל היכל הקודש קרית ברסלב - ד' בשלח**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**ביים טאנצן נאך מעריב אין ישיבה - ד' בשלח**

קרעדיט: שלמה האממער



**וואכנאכט ביי מו"ה יודי פריינד הי"ו אין שטעטל - ג' בשלח**

קרעדיט: גדלי' אפפעל





**ביים אינטערשרייבן א שטר שותפות פארן זכות פון מוהרא"ש'ס יארצייט סעודה מיט מו"ה בניהו אונגאר הי"ו - ד' בשלה**

קרעדיט: לייבי ראטה



**אין א שמועס פארן ליל שישי שיעור אין ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל - ה' בשלה**

קרעדיט: נפתלי זאבעל



**ליל שישי שיעור אין ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל - ה' בשלה**

קרעדיט: נפתלי זאבעל





**ליל שישי שיעור אין ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל - ה' בשלה**

קרעדיט: נפתלי זאבעל



**אין א שמועס נאכן ליל שישי שיעור אין ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל - ה' בשלה**

קרעדיט: נפתלי זאבעל



**ביים ציון פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע אין קרית יואל - ה' בשלה**

קרעדיט: יוסי זינגער





**ביים דערציילן א מעשה'לעך פאר קינדערלעך אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית ברסלב - ה' בשלה**

קרעדיט: יוסי זינגער





**אפשערן פון הילד נחמן נתן ני"ו בן מו"ה מרדכי אהרן הײלפרין הי"ו אין שטעטל - ה' בשלה**

קרעדיט: יוסי זינגער



**שיעור התחזקות אין ישיבת היכל הקודש קרית ברסלב - ה׳ בשלח**

קרעדיט: יוסי זינגער



**מעריב אין ישיבת היכל הקודש קרית ברסלב - ה׳ בשלח**

קרעדיט: יוסי זינגער





**אבות ובנים אין ביהמ״ד היכל הקודש קרית יואל- מוצש״ק בשלח**

קרעדיט: נפתלי זאבעל




**ביים הערן שובבי״ם תורה פון רביה״ק מסאטמאר זי״ע אין שטעטל - מוצש״ק בשלח**

קרעדיט: אייזיק ראטה




**אין א שמועס נאכן שובבי״ם תורה אין שטעטל - מוצש״ק בשלח**

קרעדיט: אייזיק ראטה









**אבות ובנים אין ביהמ״ד היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי - מוצש״ק בשלח**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**ביים פארלערנען דעם דף גמרא אין שטעטל - מוצש״ק בשלח**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**אפשערן פון הילד בן מו״ה שלום יוסף**
**יאקאבאוויטש הי״ו אין שטעטל -מוצש״ק בשלח**

קרעדיט: אייזיק ראטה



אנשי שלומינו ביים זיך וואונטשן א גיטע וואך ביים ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל - מוצש"ק בשלה

קרעדיט: אייזיק ראטה



אין א שמועס מיט אנשי שלומינו אין שטעטל - מוצש"ק בשלה

קרעדיט: אייזיק ראטה





**שיעור אין הלכות טהרה דורכן דיין שליט"א אין קרית ברסלב ליבערטי - א' יתרו**

קרעדיט: לייבי ראטה



די צאן קדשים ביים העלפן אינעם קאך פונעם תלמוד תורה אין שטעטל - ב' יתרו



דער גבאי מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו ביים קלאפן א מזוזה ביים אריינגאנג פונעם וואכן שול אין שטעטל - א' יתרו

קרעדיט: נפתלי זאבעל

בס"ד

פרשת יתרו
אויסגאבע # 8


# אינדערהיים



## די גאלדענע וואנע פארן פערד

ל. וועבערמאן

**הארטע קערל**
מ. פאפנהיים

**מאכסט נאכנישט פסח'דיג די הויז?**
ש. טראכטער

**ברעקעלעך**
ש. ל. פליישמאן

# אינהאלט

7



15



**בס"ד**
פרשת
יתרו
תשפ"ו
**נומער 8**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
פ. גליק

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

BH

# sew happy supply here



**BLACK & WHITE THREAD, COLORED THREAD, HAND NEEDLES, NEEDLE THREADER, MACHINE NEEDLES, MACHINE FOOT ATTACHMENTS, BOBBINS, STICK PINS, MAGNETIC PIN TRAY, TOMATOE PIN CUSSION, TRIANGLE CHALK, WHITE & BLUE CHALK, SNAPS, HOOK & EYES, SAFETY PINS, CLEAR RULER, TAPE MEASURE, RETRACTABLE TAPE MEASURE, SEAM RIPPER, PROFESSIONAL THREAD SNIPPER, SHARP FABRIC SCISSORS, REG. INVISIBLE & COAT ZIPPERS, BLACK & WHITE PATCHES, EZ LASTIC, BLACK & WHITE ELASTIC BY THE YARD, BLACK & WHITE BEKISHA BUTTONS, SHIRT & REKEL BUTTONS, PATTERN TRACING PAPER, TRACING WHEEL, ROLL STITCH WITCHERY, ADJUSTABLE REFLECTOR $5.50**

get your mending done within a week iyh

are you in a rush?
special service get your job done within 2 business days for double price

all prices are given after job is done

ready to serve you **Leah Weberman** // 845-662-4083

KB Seamstress

IDEA 8457769964

ש. טראכטער



# מאכסט נאכנישט פסח'דיג די הויז?

וואס איז די מעשה מיט דיר? דו מאכסט נאכנישט פסח'דיג?" קוק נאר אויפן לוח, ווייסטו וואו מען האלט? מען האלט שוין ביי חודש שבט. א געניטע בעל הבית'טע ווייסט דעם כלל, "ארבעט וואס מען טוט נישט, ווערט נישט געטון."

דו ווייסט דאך יא וויאזוי דיין הויז זעט אויס. דו ווייסט דאך דעם אמת וויאזוי דיינע שאפעס און לעדלעך זעען אויס, איז וואס איז דיין פלאן? נעם זיך אין די הענט אריין און הייב אן! גענוג מיט די תירוצים, פסח ווינקט שוין, אלעס האט א שיעור! הייב זיך אויף און הייב אן!

דיין בלוט דרוק קומט ארויף? דו ליינסט די ווערטער און עס ווערט דיר אפשר שווער צו אטעמען? דיינע שכנים האלטן שוין טאקע טיף אינמיטן פסח'דיג מאכן?

נו, איז פארוואס מאכסטו נישט פסח'דיג? ווער זאגט אז א אידישע מאמע דארף טאקע נישט פסח'דיג מאכן אין חודש שבט? גראדע יא!

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט ביי א שיעור אז ביים רבי'ן האבן מיר ראש השנה א גאנץ יאר, ווייל ווען א מענטש "וויל" עפעס, ער שפירט אז עס דארף ווערן געטון אזויווי ער וויל, און דאך געט ער זיך אונטער צום מלך, צום רצון ה', דאן איז ער ממליך דעם באשעפער יעדן טאג פון יאר, דאן איז ביי

אים ראש השנה. און ווען איך זאג ארויס פאר'ן באשעפער וואס איך האב נישט ריכטיג געטון, איך בין זיך מתוודה אויף מיינע עבירות, אפגערעדט אז מען איז זוכה צו ליינען קריאת שמע של אריז"ל, וואו מען זאגט ארויס די וידוי, דאן איז ביי מיר יום כיפור יעדן טאג.

און אז מען עפנט די מויל צום באשעפער, "פה סח" א מויל וואס רעדט צום אייבערשטן, דאן איז ביי מיר פסח א גאנץ יאר!

אוודאי מאך איך שוין פסח'דיג. אבער איך בין פון די עכטע בעל הבית'טעס. איך מאך פסח'דיג א גאנץ יאר, איך מאך שוין פסח פון פסח אליינס!

יעדן טאג וואס איך בין זוכה צו עפענען מיין מויל און ארויסזאגן פאר'ן באשעפער מיינע זארגן און דאגות, מיינע ספיקות און דורכפעלער, דאן האב איך היינט אסאך פסח'דיג געמאכט!

פסח איז דער יום טוב פון גאולה, נישט שיעבוד - פארקנעכטעט. עס איז דער יום טוב ווען אידישע קינדער זענען געווארן אויסגעלייזט. וואס איז אויסגעלייזט? טאקע פה סח, ווען די מויל הייבט אן שמועסן מיט'ן באשעפער.

ווען זענען אידישע קינדער געווארן אויסגעלייזט? ווען זיי האבן געשריגן צום באשעפער, זיי האבן געשריגן "ונצעק"! און אז א איד שרייט, דאן העלפט דער אייבערשטער.

אבער ווי מוהרא"ש זי"ע לערנט אונז, מוז תפילה גיין האנט ביי האנט מיט סבלנות. אויב מען נעמט נאר תפילה און מען זעט נאך א ווייל אז "עס טויגט זיך נישט," קען מען חלילה אריינפאלן אין קשיות. דעריבער מוז מען אויך נעמען די סופלימענט פון סבלנות, וואס אויף דעם אליינס קען מען מאכן שיינע תפילות. "באשעפער, העלף מיר האבן סבלנות אין תפילה. איך זאל וויסן אז אלעס האט א פונקטליכע מינוט און א פונקטליכע זמן און איך דארף טון מיינס, גיסן תפילות."

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט ביי די פרויען שיעור פרשת ויחי, אז מיר לערנען פון פרשת מקץ, "ויהי מקץ שנתים ימים" אז יעדע זאך, יעדע דורכגאנג וואס גייט איבער אויף א מענטש האט א פונקטליכע זמן וואס ביז דאן דארף ער אריבערגיין די נסיון, די טונקלקייט. פארשטייט זיך אז מיט תפילה ומעשים טובים קען מען צוריקרוקן דעם זמן, אבער דערצו מוזן מיר האבן סבלנות און וויסן אז אלעס האט א פונקטליכן פלאן.

דעריבער לוינט צו פסח מאכן, עס לוינט שוין היינט אנצוהייבן מיטן פה סח, אביסל שמועסן מיטן אייבערשטן. פרעה איז פה רע, א שלעכט מויל, פרעה ווארפט אונז אריין אין עצבות און מרה שחורה און לאזט אונז נישט רעדן צום באשעפער, אבער מיר דארפן יא זיין פון די "גוטע בעל הבית'טעס" וואס הייבן שוין יעצט אן טראכטן פאראויס און זענען פון די זריזים מקדימים, פון די ערשטע!

אבער וואס וועט טאקע זיין מיט פסח'דיג מאכן? אויב מיר האבן שוין אנגערירט די נושא פון פסח, לאמיר עס טאקע אויסשמועסן.

מיין חבר'טע זאגט מיר אז איר מומע האט איר געזאגט אז דאס וואס געוויסע מאכן זיך "גרינג" מיט פסח מאכן איז א זלזול אינעם יום טוב. אלע דורות האט מען געוואוסט אז דער הייליגער בארדיטשובער רב זאגט, אז די מלאכים פון קשר"ק, פון תקיעות שופר, זענען זיך מצרף מיט די גרויסע עבודה פון אידישע פרויען פון "קראצן, שארן, רייבן, קערן!" וואס איז די היינטיגע הפקרות פון זיך מאכן גרינג? א גרינגע וועלט געווארן!

א שטארקע סברה. עס איז אבער אינטערעסאנט אנצומערקן אז אין שולחן ערוך, די וועג ווייזער פון א איד,

**ערב פסח קערט מען אויס די הויז, און מען טראגט ארויס דעם חמץ. עס שטייט נישט אין קיין איין סעיף אין שולחן ערוך עפעס וועגן מהדרין אידן וואס הייבן אן חמשה עשר בשבט.**

שטייט אז ערב פסח קערט מען אויס די הויז, און מען טראגט ארויס דעם חמץ. עס שטייט נישט אין קיין איין סעיף אין שולחן ערוך עפעס וועגן מהדרין אידן וואס הייבן אן חמשה עשר בשבט. קען זיין איך בין זיך טועה, און אויב טרעפט איר אזא הלכה, ביטע שיקט אריין א באמערקונג צו דער רעדאקציע. מען וועט עס בעז"ה פארעפנטליכן.

און אויב ווילט איר וויסן וועגן מסורה, איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז דער ראש ישיבה שליט"א האט דערמאנט שבת פרשת ויגש ביי סיפורי מעשיות אן אינטערעסאנטע נקודה. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ווען מען ליינט די אלע ביאגראפיעס פון מענטשן פון קריג, באמערקט מען אן אייניגן שטריך דורכאויס אלע געשיכטעס וואס אסאך מענטשן פארזעען.

ווען די שרייבער רעדן פון די זכרונות "פון דער אלטער היים" און זיי רעדן פון פסח, וועלן זיי בדרך כלל דערציילן וויאזוי ערב פסח, די וואך פון פסח, איז געווארן פרייליך אין שטוב. די טאטע און מאמע און אלע קינדער זענען געווען איינגעשפאנט אין דער ארבעט

און אנגעהויבן "**ק**ראצן, **ש**ארן, **ר**ייבן און **ק**ערן" און ביז א קורצע צייט איז דער חמץ געווען אינדרויסן. דאס איז אונזער אלטע מסורה. די "עכטע" מסורה.

פסח מיינט "ארויסנעמען דעם חמץ."

פארוואס האסטו א סטרעס פון האבן געלט? ווייל דאס האסטו געהערט פון ווען דו ביסט געווען קליין."

פארוואס האסטו אזא לחץ, סטרעס פון פסח מאכן? אפשר ווייל דאס האסטו

א שאד איבערצושפילן די שפיל פאר דיינע קינדער. א שאד אז זיי זאלן זיך מוטשען. ענדערש לאמיר אנהייבן מאכן "פה סח'דיג" טאקע פון היינט און בעטן דעם באשעפער אז איך זאל אריינברענגען א גוטן מצב רוח אין מיין הויז.

פסח מיינט נישט "ספרינג קלינינג" (פרילינג רייניגונג). אין א שיעור פאר די בחורים האט דער ראש ישיבה געזאגט, "פארוואס ווילסטו אזוי שטארק געלט?

צוגעזען אין דיין יוגנט? אפשר ווייל אזוי ביסטו אויפגעוואקסן?

א שאד איבערצושפילן די שפיל פאר דיינע קינדער. א שאד אז זיי זאלן זיך מוטשען. ענדערש לאמיר אנהייבן מאכן "פה סח'דיג" טאקע פון היינט און בעטן דעם באשעפער אז איך זאל אריינברענגען א גוטן מצב רוח אין מיין הויז. איך זאל זיין רואיג און פרייליך און א צופרידענע געזונטע מאמע און ווייב.

דו ווילסט אויפרוימען? דו ווילסט מסדר זיין? זייער שיין, באמת. דאס איז זייער א געליבטע זאך פאר א אידישע שטוב. א אידישע הויז דארף זיין מסודר און צוזאמגענומען, אבער עס האט גארנישט מיט דעם טייערן און שיינעם יום טוב פסח. דער שטן האט זיך עפעס אריינגעמישט אין פסח און מאכט דאס אן אנגעשטרענגטע צייט פאר אידישע מאמעס. זיי מסדר די שאפעס, די לעדלעך, דעם פריזשידער און די מאנטלעך אויב דו האסט צייט. עס קען אפילו זיין אין חודש שבט, אבער מאך אויך פה סח'דיג, הייב אן שמועסן מיטן באשעפער! הצלחה צו דיין ערב פה סח!



ל. וועבערמאן



# די גאלדענע וואנע פארן פערד

די שמעק פון שטאל שפירט ער שוין נישט, די שטויב און זאמד איז די לכתחילה'דיגע קאליר פון זיינע הויזן, און צו צאמנעמען די שמוץ פון פעלד איז זיין רוטין. דער פויער מיט זיין שטאל איז ווי איינס, ער לעבט מיט דעם, זיין גיין שלאפן איז נאכן גוט צובינדן די פערדן, און זיין אויפשטיין איז מיטן פיטערן די הינער און צאמנעמען די אייער. נאכדעם גייט ער מעלקן די קיען, און אזוי לעבט ער זיך א חיים טובים.

אין א גרינעם דינסטאג גראבט ער זיך אין זיין פעלד, צו בויען א בעסערע צוים פאר די פערדן, בשעת וואס ער זינגט זיך אונטער אן אלטן ניגונ'דל. אבער עפעס הארט שטערט דארט פון גראבן, ער דארף שוין צאמרופן זיינע קינדער אים צו העלפן ארויסשלעפן די שווערע שטיין, ווען פלוצלונג זעט ער עפעס גאלד בליטשקעט ארויס! מ'גראבט ווייטער ארום און ארום די גאלדענע זאך, ביז ענדליך יעדער צוזאמען שלעפט ארויס א גרויסע גאלדענע וואנע!

וואס איז דאס? "גוטשע! דו מוזסט קומען!" שרייט ער אריין צו זיין ווייב מיט א פארהאקטע אטעם. איר נייגער האט איבערגעוואויגן איר פארפארעטע ארבעט אין די גרויסע אלטע קאך, זי לאזט אלעס אפ און קומט מיטהאלטן די אויסערגעווענליכע סצענע.

גוטשע איז שוין מער די געלערנטע פון די משפחה, זי שטייט און אנאליזירט די סיטואציע, און באשטעטיגט אז דאס איז א ספעציעלע גוטע כלי פאר די פערדן צו טרינקען וואסער. אבער זי לאזט נישט די משפחה הענגען, נאר אלע שטייען אין א רינג ווען די מאמע געבט ווייטערדיגע אנווייזונגען. "טאטי מיט די קינדער זאלן ווייטער גראבן די גאנצע ערד ארום, ס'איז גאנץ מעגליך אז מ'וועט טרעפן נאך אוצרות". ווי גוטע שפעלער האבן אלע אנגענומען

די פערל ווערטער פון מאמוטשקע, ווען זיי איבערצייגן זיך אז ס'איז אמת און וואר.

"טשיהא! ביזסט אזוי קלוג" האט טאטיטשקא נישט געשפארט א קאמפלימענט פאר זיין ווייב, בשעת ער ציט ארויס א גרויסע גאלדענע סטאטוע פון א מענטש אויף א פערד, מיט א שטעקן אין האנט.

"דאס איז א שטרוי מאן - א ספעציעלע גוטע כלי וואס מ'שטעלט אראפ אינמיטן א פעלד פון גרינס, צו דערשרעקן די פייגלעך זאלן נישט קומען עסן פון די ירקות". געבט די מאמע איר מיינונג.

"א גרויסע רינדעכיגע טאץ" שרייען אויס צוויי קינדער אזוי איבעראשט מיט זייער אנדעקונג. שנעל ברענגט מען עס צו די מאמע און אלע אינאיינעם באטראכטן די שיינע compartments - אפטיילונגען, און די טאץ איז באצירט מיט שיינע שטיינדעלעך ארום. די מאמע'ס באשטימונג - עס איז די פערפעקט כלי אריינצולייגן די קארן פאר די הינדעלעך, אז יעדער זאל באקומען א עקסטערע פארציע, מ'זאל זיך נישט דארפן ארומקריגן.

איך האף אז די ליינער זענען נאכנישט מיד פון די אלע אויסטרעפונגען, אבער די פויערישע משפחה ווערט נאר מער אויפגעהייטערט מיט יעדע נייע איבעראשונג. זארג נישט מיר האלטן שוין ביי די לעצטע אבער מערסט קאמפליצירט חלק.

די משפחה באטראכט עס גוט, א גרויסע גאלדענע באל מיט פארשידענע אומפארשטענדליכע שניצונגען ארום, דאס האט די מאמע שוין נישט געקענט אנטשיידן, מן הסתם איז עס נישט צופיל ווערד, מ'האט עס געשטעלט אין א זייט.

די מעשה האלט נאך אינמיטן, אבער ס'איז נישט סתם א משל. דער הייליגער בן איש חי דערציילט עס אין זיין ספר אלץ א אמת'ע מעשה וואס האט פאסירט אין איינע פון די אראבישע לענדער, ער האט פון דעם ארויסגענומען א טיפע לימוד. ווי א מענטש טרעפט אין זיך אוצרות פון טאלאנטן, ער ווערט איבעראשט צו אנדעקן וואס דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין אים נאך פארן געבוירן.

איינער טרעפט אין זיך די חכמה פון נגינה. א צווייטער האט א גוטע שפראך צו קינדער, צו געווינען זייער הארץ. א דריטער קען האלטן גוטע דרשות וואו דער עולם ווערט פארכאפט און צוגעקלעבט צו דעם. אנדערע געבן שטארק ארויס זייער טאלאנט ווען עס קומט צו שרייבן. אדער זענען דא וואס האבן ארויס די חכמה פון כאפן א גוטע שמועס מיט א צווייטן, אז יענער שפירט אן אמת'ע אפענע אויער.

איינער קען קאכן עקסטער גוט.

עס גייט איר שנעל אונטער א מינוט.

דער צווייטער איז פונקט פארקערט,

ריינקייט זי פארמערט.

טוט נישט לאכן,

פון יענעמ'ס אייגנארטיגע זאכן.

עס קען זיך אפילו מאכן,

א פרוי זאל א ביזנעס דיעל מאכן.

אדער א ביזי אפיס פירן,

טאלאנט האט אלע קאלירן.

יעצט צוריק צו אונזער פויער. שכנים וואס זענען געקומען אנפילן זייער באטלעך מילך און טאווועלע אייער, האבן זיך אונטערגעהאלטן צו טרעפן זייער אלטע באקאנטע קוה מיט די רייכסטע צירונג פון קעניגליכע סארט. א טאץ קארן פאר הינדעלעך ווי א ברייטע פארמעגליכע סעודה, ס'איז געווען צו לאכן און צו וויינען, וויאזוי מעג מען פארשעמען ווערדפולע פארמעגנס?

די שכנים האבן צאמגערופן א עמערדשענסי מיטינג, וואס איז די ריכטיגע זאך צו טון אין די קאמישע מצב? ס'געבליבן אז מ'וועט אונטערשיקן קעניגליכע באדינער זאלן דאס אפקויפן פארן קעניג. נישט קיין שווערע עסק



איז געווען פארן באדינער צו ערלעדיגן די זאך, פאר אפאר גראשן איז די דיעל געשלאסן.

די באדינער ברענגען קעניגליכע וועגענער צו טראנספארטירן די זאכן, אפאר טעג האט גענומען פארן פויער זיך צו צאמנעמען צו קענען זיך גרייט מאכן צו גיין צום קעניג'ס פאלאץ צו אפנעמען זיין באצאלונג. נאר איין שטארקע שאלה איז אים געבליבן, אויב דער קעניג פארמאגט נישט קיין שטאל, וואס וועט ער טון מיט די אלע כלים?

מיט גרויס פחד גייט ער דורך איין טויער מיט וועכטער און נאך איין טויער, ביז ער קומט צו די אינעווייניגסטע פאלאץ פון קעניג, ער זעט זאכן וואס ער האט אין דעם גלגול נאכנישט בייגעוואוינט, ער בייגט זיך אין אלע זייטן צו טרעפן זיינע כלים. וואס האט מען עס געקענט נוצן פאר, אויב נישט אין א שטאל?

צו וואס נאך קען מען נוצן טאלאנטן אויב נישט צו מאכן נאך איין דאלער? אדער אפשר צו געוואונען כבוד און אויפמערקזאמקייט ביים המון?

נגינה - קענסט ווערן א סטאר! מ'וועט דיך אראפרופן צו אויסלערנען פראפעשענעל פלעיס, קענסט מאכן אסאך געלט. האלטן דרשות איז דאך זיכער א גאלדן גרוב, אזוי אויך שרייבן און מאלן, וואס מיט דעם קענסטו ווערן די טאלק אף טאון. אין יעדע אויסגאבע וועט מען זוכן דיין נאמען. און אזוי אויך איז איינער וואס טוט גרעפיק, ער קען גוט כאפן אן אויג, אז דו האסט א חוש צו אויסהערן יענעם ביזסטו שוין אטאמאטיש דער עושר, מאכסט אויפן פלאץ 500 דאלער א שעה.

די ליסטע איז ענדלאז, יעדע טאלאנט וואס דו טרעפסט אין זיך, און דו בויעסט עס אויף, קענסטו מיט דעם מאכן אפאר טאלער. די שאלה איז וואס געשעט מיט דעם נאכן עולם המעשה? קומסט אן אין קעניג'ס פאלאץ. דארט אנטפלעקט זיך א נייע בילד, זאכן וואס האסט נישט געזען ביז היינט, אזויווי דער פויער האט זיך אין זיין ווילדסטע חלום נישט געקענט פארשטעלן וואס זיינע כלים זענען אלץ ווערד.

קודם האט מען גוט אפגעריבן די גאלדענע כלים ארויסצוברענגען איר גלאנץ, און יעדע זאך האט באקומען איר ריכטיגע פלאץ, אזויווי אין סיפורי מעשיות, סוף מעשה פון דעם בן מלך און בן שפחה, ווי דער בן מלך איז געקומען אין פאלאץ און איז געווען א מבין דבר מתוך דבר - ער האט פארשטאנען איין זאך פון די אנדערע. ער האט אויפגעכאפט אז די טיש דארף מען אביסל רוקן און די בעט דארף מען אביסל רוקן, און די רייזעלע - רויז פון אונטן דארף מען ארויפשטעלן אויבן. "ווי מע האט אזוי געטאן האבין אנגיהויבין אלע צו שפילין דעם וואוילין ניגון וואס איז זייער א ווילד חידוש".

אזוי איז געווען ביים קעניג, די גאלדענע מענטש אויפן פערד מיט א שטעקן אין די הענט, דאס האט מען געלייגט פארנט פון פאלאץ צו סימבאליזירן די פילע נצחונות פון קעניג, צו ווארפן א שרעק אויף אנדערע מדינות.

די גאלדענע וואנע האט מען געמאכט מיט דעם א שיינע באצירטע מרחץ פארן קעניג, זיך צו לאזן וואוילגיין, ווי עס פאסט פאר זיין כבוד.

די גרויסע גאלדענע טאץ איז אריין אין די שפיגלדיגע שאנק, עס זאל זיין צוגעגרייט פאר די גרויסע צאמקומען פון אסאך קעניגן און שרים, וואו מ'וועט עס לייגן אינמיטן טיש צו סערווירן די טייערע שיינע געבעקסן.

דער עיקר פון אלעס איז געווען די גאלדענע באלי מיט אויסשניצונגען אויף דעם, וואס דאס האט דער פויער געטראכט אז ס'האט כמעט נישט קיין ווערד. דאס איז געווען א גלאוב אויסגעשניצט די שבעה כוכבי לכת, דאס האט דער קעניג געהאלטן גאר טייער און זיך פארטיפט אין דעם. ווען ער האט געהאט באזוכער, אנדערע קעניגן אדער שרים, האט ער זיך אויפגעטון מיט דעם און צוזאמען עס באטראכט. די כלים זענען ווערד געווען מיליאנען.

אין פאלאץ פון אונזער אמת'ער קעניג, זעט מען אז פון די גאלדענע טאלאנטן קען מען שארן מיליאנען, נישט קיין פארגלייך צו אפאר דאלער. די גרעסטע תענוג איז אז מיט מיין טיטשען, זינגען, רעדן, שרייבן, מאלן אדער טיילן קארטלעך, האב איך געקענט ברענגען איינעם נענטער צו די אמונה. אזויווי דער רבי זאגט: "איר מעגט עוסק זיין אין אנדערע פרנסות, אבער איר זאלט זען שטענדיג צו אנטרינקען ביימער".

דער ראש ישיבה שליט"א האט עס שוין געמאכט גרינגער פאר אונז, געלויבט דעם אייבערשטן אז ס'שוין דא אסאך פראיעקטן, סיי אין שטעטל און סיי אין די וועלט, וואס מיר דארפן נישט אליין הארעווען צו מאכן מענטשן וויסן פונעם אייבערשטן. איך קען פשוט צולייגן א האנט און זען וואס איך קען ארויסהעלפן אז דער ראש ישיבה'ס אונטערנעמונגען זאל מצליח זיין.

ביי א מאמע איז די עיקר די שטוב און די קינדער, אבער דו מיט דיינע טאלאנטן ביזסטו אייגנארטיג. מ'קען אמאל ארויסכאפן צו טון סיי וועלכע גוטע זאך צו העלפן דעם ראש ישיבה אויפבויען. אפילו טון חסד איינע מיט די אנדערע ווערט שוין אריינגערעכנט אין פארשפרייטן דעם אייבערשטנ'ס נאמען אויף די וועלט. אז די זון און טעכטער האבן א געלעגנהייט צו העלפן די מוסדות, זיי עס מחזק און מירד ארפן פאר דעם נישט באצאלט, ווייל די זכי' צו העלפן איז אסאך מער ווי באצאלט.

דער פויער וואס איז געשטאנען אין קעניג'ס פאלאץ צו אפנעמען זיינע פאר גראשן איז געווען פארשעמט און פול מיט חרטה, וויאזוי האט ער געקענט ווערן אזוי פארנארט??

ער איז שוין געשטאנען ביים שוועל פון אט אט ווערן דער גרעסטער עושר אין גאנץ לאנד... ווען ער זאל פארשטיין די אמת'ע ווערד פון די טייערע כלים...

ש. טראכטער




**אין קורצן פון פריער:** הבחור יוסף וואנקער אנטלויפט פון פוילן קיין אמעריקע, כדי נישט צו דארפן דינען אין מיליטער.

אויפן שיף טרעפט ער חיים ברוך, וואס איז שוין יידער קאלט צו אידישקייט.

ג

יוסף האט אים אנגעקוקט צעמישט. "האסט געפרעגט א רב איידער דו האסט אפגערייזט? דו זעסט אויס צו זיכער."

חיים ברוך האט זיך צולאכט מיט א ווילדן געלעכטערל. "רב? רב? רב פרעגסטו? דו מאכסט מיך לאכן."

דאן האט ער אנגעהויבן טרייבן לצנות אויף ערליכע אידן און תלמידי חכמים רחמנא לצלן. "איז דען דא היינט ערליכע אידן? אמאל, יארן צוריק זענען געווען ערליכע אידן. היינט?"

יוסף האט זיך דערשראקן. ער האט שוין געזען אז זיין נייער נאנטער מענטש איז א סכנה פאר אים. זיין טאטע'ס ווערטער האבן אים געקלונגען אין אויער: "מיר האבן אלעס אוועקגעגעבן אז דו זאלסט בלייבן ערליך."

יוסף האט זיך געהאלטן שטיל. ער האט געטראכט צו זיך אז ענטפערן האט נישט קיין זין. מיט א לץ טענה'ט מען נישט און שמועסט מען נישט.

וואס יא? ער דארף זיך דא אן עצה געבן די קומענדיגע צוויי וואכן און זוכן ווי ער קען אויסמיידן חיים ברוך. אזא שאד. יוסף האט געטראכט צו זיך אז ער וועט מתפלל זיין אז חיים ברוך זאל תשובה טון און ווערן בלייבן ערליך.

שפעטער ווען יוסף איז געווען אויפ'ן דעק האט ער איבערגעטראכט וואס חיים ברוך האט געזאגט. "איז דא ערליכע אידן?"

אוודאי און אוודאי. אין יעדן דור זענען דא ערליכע אידן וואס ברענגען אונז צום אייבערשטן. א מענטש דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן ער זאל זוכה זיין אנצוקומען צו א צדיק וואס ברענגט אים צום אייבערשטן. אויך ווייסן מיר אז אויב איינער שפעט אז עס איז נישטא קיין ערליכע אידן, שפעט ער ר"ל פון די הייליגע אמונה.

דער אייבערשטער האט אונז שוין צוגעזאגט אז ביז משיח'ס טאג וועלן זיין

ערליכע אידן און מיר ווייסן אז דאס איז ריכטיג און וואר.

יוסף האט שוין געזען אז זיין ערשטער נסיון האט זיך אנגעהויבן און ער וועט זיך האלטן פעסט אפילו דאס מיינט זיין איינזאם אן קיין איין חבר.

יוסף האט אויך געוואוסט אז א חבר איז נאר איינער וואס איז ערליך. איינער וואס האט נישט קיין יראת שמים איז נישט זיין חבר און וועט אים צום סוף נאר מאכן שאדן.

עס איז אריבער א טאג און נאך איינס. חיים ברוך האט פרובירט צו שמועסן מיט יוסף. ער האט אים געוואלט מסביר זיין פילאזאפיע און אביסל יסודות אין ביזנעס.

"מיר גייען אין א פרעמדע מדינה. לאמיר דיר לערנען די כללים פון ביזנעס."

אבער יוסף האט זיך געזוכט אפצושאקלען פון אים. יעדעס מאל זיי האבן גערעדט, האט יוסף געהערט ליצנות און אומאיידעלע ווערטער.

ער האט געדענקט דעם כלל וואס זיין מלמד פלעגט זיי אלעמאל זאגן, "אז דו ווילסט וויסן וואס א מענטש איז, הער וואס ער רעדט. אז מען רעדט איידל, איז מען איידל און פארקערט אויך."

מיט די צייט האט חיים ברוך באשלאסן אז יוסף איז פשוט א בטלן. אנשטאט צו ליינען אינטערעסאנטע ביכער, האט ער אלעמאל געטראפן יוסף מיט א גמרא, א חומש אדער א משניות. חיים ברוך האט אים פרובירט אפצוהאלטן, "וואס וועט דיר די תורה צוניץ קומען אין ארגענטינע?"

אבער יוסף האט זיך נישט דערשראקן. "תורה איז די בעסטע ביזנעס," האט ער אים געזאגט איינמאל און ווידעראמאל.

יוסף האט אים דערציילט די מעשה פון גמרא, אז עס איז אמאל געווען א גרופע סוחרים אויף א שיף און יעדער האט זיך בארימט מיט זיין עקספערטיז. איינער איז געווען א גרויסער ריעל עסטעיט סוחר, א צווייטער האט פארמאגט אסאך קליידער פאבריקן, א דריטער איז געווען א גרויסער האלץ סוחר. נאך איינער האט געהאנדלט מיט טייערע שטיינער.

אין די זייט זיצט דער צדיק און שווייגט. ווען מען האט אים געפרעגט וואס זיין באשעפטיגונג איז, האט ער זיי געזאגט אז זיין באשעפטיגונג איז בעסער פון אלע. מען קען עס נישט צונעמען פון אים און עס פארמאגט די מערסטע ווערד, דאס איז די הייליגע תורה.

האבן די סוחרים געשפעט פון אים. "וואס קענסטו טון מיט דיין באשעפטיגונג?"

א שטיק צייט שפעטער איז די שיף געפאנגען געווארן דורך רויבער.

דער סדר אין יענע צייטן איז געווען אז די רויבער פלעגן שטעלן די געפאנגענע אויף אן אויספארקויף, און די מענטשן פון שטאט פלעגן קומען און אפקויפן קנעכט.

זענען געקומען די אידן פון שטאט און ווען זיי האבן דערקענט אז דא שטייט א תלמיד חכם, האבן זיי זיך געיאגט אים אפצוקויפן און אים תיכף אויסגעלייזט. מען האט אים שטארק מכבד געווען און אים צוגעשטעלט אלץ וואס ער האט געדארפט.

דעמאלט האבן אלע סוחרים מודה געווען אז "תורה איז די בעסטע סחורה."

יוסף האט זיך דערמיט זייער מחזק געווען און געוואוסט אז די תורה וועט אים היטן און באגלייטן.

### *אין א פרעמד לאנד*

נאך צוויי לאנגע וואכן איז די שיף ענדליך אנגעקומען צום פארט פון מאנטעווידעא אין אורוגוויי, א לאנד אין סאוט אמעריקא. יוסף, א יונגער בחור, אן קיין ערפארונג אין דער וועלט, איז אראפגעטרעטן אין א פרעמדער מדינה. ער האט נישט געקענט די שפראך, נישט געוואוסט וואו צו גיין, נישט געוואוסט פון וואנעט ער וועט לעבן, ער האט אבער געוואוסט איין זאך: "ער איז א אידיש קינד און דער אייבערשטער איז מיט אים. קיין חילוק אויב ער איז אין פוילן אדער אין א שטאט נעבן ארגענטינע. א איד איז קיינמאל נישט אליין, דער באשעפער איז מיט אים און זיין תורה וועט ער נישט פארלאזן."

יוסף האט זיך ארומגעקוקט. מאנטעווידעא איז געווען א שיינע שטאט. די שיף האט געאנקערט ביים פארט און יוסף האט געקענט זען פון דערווייטנס אסאך שיינע פלעצער וואו מענטשן האבן פארברענגט ביים וואסער. שיינע טייטלביימער האבן באצירט די שטאט.

עס איז געווען א געמיש פון א שיינער לאנדשאפט אבער אויך א הויפטשטאט מיט גרויסע שטאטישע בנינים.

"פאר פארוואר?" האט אים א ספאנישער גוי איבערגעהאקט זיינע מחשבות, "קוואריס עסטא?" יוסף האט נישט פארשטאנען קיין ווארט פון א שפראך וואס איז אים געווען ווילד פרעמד. יענער האט אויסגעשטרעקט די האנט און יוסף האט געזען ווי ער האלט עטליכע הויז געצייג. 'ווארשיינליך וויל ער מיר פארקויפן זיין סחורה,' האט יוסף געטראכט.

יוסף האט העפליך אפגעזאגט דעם יונגן גוי, אבער ער האט פרובירט מאכן א קשר מיט דעם גוי און געוואלט אויסגעפינען אויב עס איז דא א אידישער ישוב אין ארגענטינע.

"סינאגאגיע?" האט ער געפרעגט, אבער דער גוי האט נישט פארשטאנען וואס ער וויל און געשאקלט מיט'ן קאפ אויף ניין.

אזוי האט יוסף אפגעשטעלט איינעם נאכן צווייטן. אבער די גוים האבן אים נישט פארשטאנען און נישט געוואוסט וואו צו שיקן.

יוסף וואנדערט ארום איינער אליין, מיט זיינע פעקלעך אין האנט, פארלוירן אין א לאנד וואס איז אים אינגאנצן פרעמד.

א קילער ווינטל הייבט אן צו פאלן און יוסף דערזעט זיך אז אט אט ווערט נאכט. ער שטעלט אלעס אין א זייט און שטעלט זיך דאווענען מנחה.

ער זאגט ארויס די ווערטער קלאר און דייטליך. ער פארמאכט די אויגן און דערזעט זיך צוריק אינדערהיים אינעם קליינעם שול'כל. ער הערט אין מח ווי יוקל דער שמש קלאפט אויס "מנחה" און אלע שטעלן זיך דאווענען.

זיינע מחשבות זענען אצינד ווייט פון דעם פרעמדן באדן, זיי זענען באהאפטן צו זיין טאטן און מאמען, צו זיין מלמד אינדערהיים, אבער מער פון אלעם צו זיין באשעפער.

"באשעפער," בעט ער זיך ווי א קינד צו זיין טאטן, "איך בין ווייט ווייט פון מיין משפחה אבער זייער נאנט צו דיר. העלף מיר טאטע, איך ווייס נישט וואו אהין צו גיין, אבער טאטע ינחנו בדרך האמת, פיר מיר אויפן ריכטיגן וועג."

די נאכט איז צוגעפאלן. יוסף האט נישט געהאט א דאך איבערן קאפ. ער האט זיך געדרייט מיט זיינע פעקלעך איבער די געסלעך פון מאנטאוואדעא און געזוכט וואו צו שלאפן.

יוסף איז אריבער א שיינעם פארק. עס איז געווען באצירט מיט שיינע טייטלביימער ארום און ארום און ער האט זיך אראפגעזעצט אויף א באנק. יוסף האט אראפגעלייגט זיינע פעקלעך און ווידער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל. "באשעפער... איך בין אזוי אליין, אזוי פארלוירן און אזוי דערשראקן. וואו גיי איך? קען איך דען שלאפן אין גאס? אין א פרעמד לאנד, מיט גוים, איך פארשטיי נישט די שפראך... באשעפער, ראטעווע מיך."

א מידקייט האט אים אנגעהויבן באפאלן. דער גאנצער טאג וואס איז אויף אים אריבער האט אים אויסגעשעפט.

ער האט געשפירט ווי אט אט, און ער שלאפט איין. פלוצלינג שפירט ער א קלאפ אויף זיין פלייצע.

יוסף האט זיך דערשראקן. ווער קלאפט אים דא אין א פרעמד לאנד?

דער פרעמדער האט אויסגעזען זייער איבערראשט צו טרעפן יוסף און ער האט גערעדט אין די ווילד פרעמדע שפראך, ווייזנדיג מיט די הענט, פרובירנדיג צו מאכן א קשר מיט אים.

אבער יוסף האט גארנישט פארשטאנען. ער האט אים געוויזן מיט די הענט און מיט דעם מויל אז ער אנטשולדיגט זיך, אבער ער פארשטייט נישט קיין ווארט.

דער פרעמדער האט אים אבער נישט געוואלט אפלאזן. ער האט געוויזן אויף דעם טלית קטן וואס יוסף האט אנגעהאט און אים געפרעגט "יודא?"

אזויפיל האט יוסף פארשטאנען. יענער פרעגט אים אויב ער איז א איד. יוסף האט געשאקלט מיט'ן קאפ אויף יא.

יענער האט זיך זייער געפריידט און אויסגעשטרעקט צו אים זיין האנט און גזאגט אין אן אינטערעסאנטן אויסשפראך "שמע ישראל..." דאס איז די שפראך וואס אלע אידן ארום די וועלט פארשטייען. מיר זענען ברידער!!

## און געזאגט אין אן אינטערעסאנטן אויסשפראך "שמע ישראל..." דאס איז די שפראך וואס אלע אידן ארום די וועלט פארשטייען. מיר זענען ברידער!!

יוסף איז געווארן זייער איבערגענומען. ער האט זיך מיט ווייטאג דערמאנט אז איידער ער איז אראפ פון שיף האט חיים ברוך אים נאכגעשריגן: "יוסף, פארשטעק דיינע ציצית, דו ביסט צווישן גוים."

אבער יוסף האט נישט געוואלט. זיינע ציצית זענען זיין שמירה. און אט האט ער געזען אז דוקא די ציצית האבן אים געברענגט זיין ישועה.

יוסף האט זיך זייער דערפריידט. דער פרעמדער האט אים אנגעכאפט מיט התרגשות און אנגעהויבן פירן דורך געסעלעך און בריקלעך, ביז זיי זענען אנגעקומען צו א קליין הייזקע פארשטופט אונטער א גרויסן בוים.

דער איד האט אריינגעפירט יוסף צו א צימער וואס איז אים געווען קענטליך. א בית המדרש. אן ארון קודש, ספרים, סידורים...

יוסף האט זיך צעוויינט. ער איז צוגעלאפן צום ארון קודש און מיט טרערן עס נאס געמאכט. ווער וואלט געגלייבט? אין א פארשטופט גוי'יש לאנד האט ער געפונען זיינע ברידער און זיין טאטן?

יוסף האט שטיל געמורמלט "מזמור לתודה..." איך דאנק דיר טאטע אז דו האסט זיך ווידער באוויזן צו מיר און מיר ארויסגעהאלפן אין מיין פיין.

אינצווישן איז שוין דער איד געלאפן ברענגען א טיי פאר יוסף, און נאך אפאר חברים זענען געקומען געבן שלום פאר דעם אויסלענדישן גאסט, מיט וועמען זיי קענען אפילו נישט רעדן, אבער זיי האבן פארשטאנען א געמיינזאמע שפראך, הארץ שפראך, די שפראך וואס אלע אידישע ברידער פארשטייען, קיין חילוק פון וואו זיי קומען.

*פארזעצונג קומט אי"ה*

# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Inderheim@bletelmagazine.com

## ר.מ.ב.
בית שמש

איך שפאציר זיך אויפ'ן וועג צום שולע מיט זיכערע טריט וויסנדיג אז איך האב זיך גוט צוגעגרייט מיין שיעור. איך לערן מיט מיידלעך צו מאכן שיינע באשרייבונגען, איך לערן מיט צוויי קלאסן די זעלבע נושא און איך דארף האלטן קאפ ווייל ביי איין קלאס האט זיך די שיעורים מער פארשלעפט און די אנדערע קלאס האלט שוין מער פאראויס.

איך קום אריין אין קלאס און איך זאג פאר די מיידלעך צו אויפמישן זייער בוך צו בלאט ס"ד, צוויי מיידלעך הייבן אויף די הענט מיט דרך ארץ און זאגן אז מיר האבן דאס שוין געלערנט. ס'איז מיר גוט געווארן, איך בין נישט גרייט געווען צו לערנען ווייטער און ס'איז מיין ערשטע יאר וואס איך לערן דאס און איך קען נישט ווייטער די בוך נאר וואס איך האב זיך צוגעגרייט.

איך מאך שנעל א תפילה "באשעפער, איך ווייס גארנישט גיב מיר אן עצה וואס צו טון דא" דערווייל קוקן אלע מיידלעך אויף מיר צו וויסן וואס זיי דארפן ווייטער טון.

דער אייבערשטער האט מיר ארייגעבליצט איך זאל זאגן פאר די מיידלעך אז היינט וועט מען האבן א Treat. יעדער קען ארויסנעמען זייער היימארבעט פון נעכטן וואס מ'האט געדארפט מאכן א באשרייבונג, און מ'וועט עס מעגן אויפליינען הויך פאר די גאנצע קלאס. די מיידלעך האבן אויפגענומען די treat מיט'ן גאנצן שמחה, איך האב געטראכט אז ביזדערווייל וועל איך זיך פארקוקן ווייטער.

איך ליין ווייטער די בוך אבער איך טרעף נישט עפעס וואס איך קען מאכן פון דעם עפעס א געלונגענע זאך, איך בעט דעם אייבערשטן ווייטער, דערווייל האבן די מיידלעך שוין געענדיגט אויפליינען, איך הייב אן צו נאכזאגן פון די בוך אבער ערגעץ וואו בין איך געווארן פארהאקט און ס'איז נישט געפארן ווייטער. אין די בוך טרעף איך א קליין צעטעלע - זעט אויס פון די פאריריגע לערערין וואס האט זיך געהאט פארגעשריבן אפאר אינטערעסאנטע ווערטער ווי "ריינע באלאטעס" "אויפן וועג צו שולע" און אזוי ווייטער, איך האב געטראכט אויב דער אייבערשטער האט מיר דא ארייגעשיקט די צעטעלע מוז זיין עס איז פאר מיר.

די פאר ווערטער האט מיר טאקע געקלינגען א בעל אין מיין מח און מיר דערמאנט אפאר אינטערעסאנטע מעשיות, איך האב גערעדט און פארציילט פאר די מיידלעך, יעדער איז געזעצן און צוגעהערט, דער אייבערשטער האט געהאלפן ס'איז געווען אזא געלונגענע שיעור וואס איך האב קיינמאל פארדעם נישט געהאט, די מיידלעך זענען געווען ממש אין די מעשה.

פאר מיר איז עס זיכער געווען א גוטע לימוד אז די עיקר חלק פון צוגרייטן די שיעור איז די תפילה, געלויבט דעם אייבערשטן אויף ביז אהער און דער אייבערשטער זאל אונז באגלייטן ווייטער.

## ח. ויזל
בית שמש

1. שכח אייבערשטער פאר מיין נייע געבוירן קינד.

איך האב אסאך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל אלעס אנקומען גרינג און איך זאל האבן אסאך כח. שכח אייבערשטער אז מען האלט שוין דא.

2. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל האבן א שיינע נייע קערידש פאר מיין בעבי און ס'זאל נישט קאסטן טייער. שכח אייבערשטער אז איך האבן געטראפן פאר ביליג א שיינע נייע קערידש פונקט דאס וואס איך האב געוואלט.

שכח אייבערשטער פאר אלע מעשיות פון תפילה.

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## ברעקעלעך

ברעקעלעך, ברעקעלעך,
פאלן ווי מעקעלעך.
איינע נאך איינע,
ווייסע שיינע,
הויפן זיך אן,
שטיל אן קיין רעש.

Soft cotton,
פון הימל, פון טאטן.
זיי פאלן די וואטע,
שטייטע שטייטע...
באדעקן אין ווייס,
דאס גאנצע ארום.

ווייס ווי דער וואנט,
דער האריזאנט.
מיילן מיילן,
ריינע קריסטאלן.
א ווייכע טעפיך,
הילט איין די וועלט.

ווייך און מילד,
א נייע בילד.
א וועלט אנטפלעקט,
מיט שניי באדעקט.
א ברעקל אויף א ברעקל,
עס וואקסט אין מילימעטער...

פילסט ווי א מעקעלע,
קוים געטון א ברעקעלע,
די ארבעט גייט שטייט,
מען זעט עס נישט כמעט,
ווארט און האב געדולד,
דו מאכסט א הערליך בילד.

טו, אן פאמפע שטיל,
וואס דער אייבערשטער וויל.
נישט כאפן און לויפן,
דווקא אויף דעם אויפן.
צוביסעלעך צוביסעלעך,
פילסטו אן שיסעלעך.

פארבסט א האריזאנט,
פון גאלד און דיימאנט,
פון ברעקעלעך פלעינע,
א הערליכע סצענע...
דיין עבודה אלס מאמע,
די שענסטע פאנאראמע!

א נאז געווישט,
א טאפ געמישט...
די פלאר געקערט,
א קינד אויסגעהערט.
ברעקעלעך ברעקעלעך,
פילן אן זעקעלעך...

א בָּאבָּא 'גערהיילט',
א מעשה פארציילט,
מיט סבלנות,
געלערנט ותרנות.
ברעקעלעך ברעקעלעך,
פילן אן זעקעלעך...

נאכאמאל שמוציג,
נישט געווארן היציג,
געפיטערט א באנאנע,
אנגעפילט א וואנע.
ברעקעלעך ברעקעלעך,
פילן אן זעקעלעך...

אויבן אלע זעק,
מען לייגט אוועק,
דיינע טעגליכע יגיעות,
א יקר המציאות!

דו ארבעטס אונטן שטיל,
מען זעט נישט צופיל,
זיי נישט דערשראקן,
ס'בויט זיך גאנצע שטאקן!

אויבן ווערט א טומל,
עס זאמלט זיך אין הימל.
מיט חשק טו פארזעצן,
יעדע ברעקל שעצן.

**ברעקל** אראפ פון דיין צייט,
רעד צום אייבערשטן פריוואט:
"באשעפער איך פיל שרעקליך,
קוים געטון אפאר ברעקלעך..."

דאנק אויף די ברעקלעך, תודה,
וועסט האבן כח פאר דיין עבודה!

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

# הארטע קערל

מ. פאפענהיים



"אך! דער טייטל איז אזוי הארט! מען קען עס פשוט נישט קייען!"

יענקי איז אריינגעקומען אין קאך פול מיט טענות, איך האב זיך אויסגעדרייט פונעם טעפל.

"לאמיר זען צדיק, א טייטל איז הארט? ס'קען נישט זיין. אה, איך פארשטיי שוין, דו האסט אריינגעביסן אינעם קערל, די קערעלע קען מען נישט עסן. לאמיר עס אויפשניידן. דו זעסט? אזוי נעמט מען ארויס די קערל, מען באקוקט עס פון ווערים, און יעצט קענסטו עס עסן".

"א מחי'! יעצט איז עס אזוי ווייך און זיס, אזוי ווי ביי די חמשה עשר בשבט טיש".

יא" - שאקל איך אים צו מיטן קאפ - "ענדיג עס עסן, מ'גייט שוין עסן נאכטמאל".

"אבער מאמי? - דארף ער נאך פארשטיין - צו וואס פעלט אויס בכלל דער קערל? ס'וואלט געווען אסאך גרינגער און בעסער ווען פרוכט האט נישט קיין קערעלעך. שטעל זיך פאר, מען קען עסן א גאנצע עפל אן די ביטערע קערעלעך אינמיטן. אדער די טייטלען, ס'איז גאנץ און פארמאכט, אן די הארטע קערל וואס האט כמעט צובראכן מיין ציין!

ער פארפילט שוין אין זיין רייכע פאנטאזיע, און ער זעט זיך שוין הנאה האבן פון פרוכט אן די אומוויכטיגע קערעלעך.

"צדיק'ל" זאג איך אים "דו ווייסט אז דער אייבערשטער האט גארנישט געמאכט אין זיין וועלט אומזיסט, אויך די ביטערע הארטע קערעלעך האט א סיבה פארוואס ס'איז באשאפן געווארן".

"יא? פארוואס???"

"דו ווילסט וויסן? קום מען וועט גיין עסן נאכטמאל און איך וועל ענק דערציילן וואספארא שיינע זאכן די קערעלעך טוט דא אויף די וועלט. ס'איז נאך אפילו וויכטיגער ווי די זיסע פרוכט..."

אזוי האט זיך אנטוויקלט א

אינטערעסאנטע שמועס אויף די וואונדערליכע וועלט וואס דער אייבערשטער האט באשאפן, די קינדערלעך האבן הנאה געהאט צו באטראכטן די פרוכט וואס איז נאך איבערגעבליבן פון חמשה עשר, און זען ווי אזוי די קערעלעך ליגט אזוי שיין מסודר אין יעדע פרוכט, אויף זיין אייגנארטיגן וועג, און נאך מער אינטערעסאנט איז ווי זיי געבן צו הערן, אז דווקא די ביטערע הארטע קערעלעך, וואס מיר שניידן אוועק און ווארפן עס אין מיסט, איז עכט אזוי טייער.

אונטער די דיקע שאלאכט'ס איז באהאלטן א אוצר, און ווען עס ווערט אריינגעלייגט אין פאסיגע ערד און באקומט די ווארעמע זון שטראלן, און פרישע וואסער, וואקסט ארויס א שיינע בוים, וואס געבט אונז ווייטער זיסע פירות

נאך נאכטמאל דארף מען מאכן נאכט, א שוואכקייט באפאלט מיר, און איך פיל א שווערינקייט אין אלע ביינער, איך ווייס אז לייגן שלאפן קינדער איז א פראיעקט אין יעדע אידישע שטוב. אבער לעצטנ'ס פיל איך ווי איך קען עס נישט דערהייבן, מיין קליינער מוישי איז געקומען צום שכל אז ער איז שוין עכט זייער גרויס, און ער קען אלעס טון אליין, אבער אינגאנצן אליין. אויב עס דאכט זיך נאר אז איך האב פרובירט צו צולייגן א האנט, גייט ער צוריק פון אנפאנג, ער טוט זיך נאאמאל אן די שיך און ער טוט זיך עס נאכאמאל אויס, אבער א - ל - י - י - ן !!! און עס בלייבט נישט ביי די שיך, ער דארף אליין עפענען די טיר פונעם באדע צימער, אליין עפענען די קראן פון וואנע, און אליין עס פארמאכן, אליין זיך אויסטון, אליין אריינגיין אין וואנע, און אליין לייגן שאמפו, פון יעדע סארט וואס איז דא...

ווען איך האב געזען ווי עס גייט שוין אריבער אלע גדרים האב איך זיך געכאפט ביים קאפ, וואס איז מיט מיר? דער קינד דארף א שטרענגע האנט! א קינד זאל אזוי פירן זיין מאמע ביי די נאז? דעם קומענדיגן מאל האב איך אפגעמאכט מיט די גאנצע שטרענגקייט אז נאר מאמי מעג עפענען די וואסער פון וואנע.

מוישי איז פשוט געווארן צושפילט, עס איז געגאנגען קולות וברקים, די גאנצע הויז האט זיך איבערגעדרייט, איך האב געמוזט אפטרעטן פון פראנט. מיין מאן האט איבערגענומען די רעדל, און נאך אלץ האט זיך מוישי געריסן און נישט פארמאכט דאס מויל, ער איז געגאנגען שלאפן וויינענדיג און קוויטשעדיג. מיר האבן זיך ביידע אוועקגעזעצט נאכדעם אויסגעשעפט אינערליך און אויסערליך, אזוי זאל א צוויי יעריג קינד קענען פארדרייען א טאטע מאמע? די גרעסטע וויץ איז, אז ווען ער איז געבוירן האב איך געפילט אז איך האב עס. איך ווייס שוין וואס עס מיינט א בעיבי, איך ווייס שוין וואס עס מיינט א מאמע, ער איז נישט מיין ערשטער ברוך השם, און אויך נישט א צווייטער געלויבט דעם באשעפער. איך קען זיך שוין א עצה געבן מיט גרעסערע קינדער אויך. מיט דעם קינד ווייס איך שוין באמת וואס איך האב צו טון.

דא טרעף איך זיך אויסגעזעקלט, אפשר אויב איך בין צו שטרענג וועט עס אינגאנצן פארקלאפן זיין זעלבסט זיכערקייט? אבער אזוי קען מען דאך נישט אנגיין, לאזן אים פירן ווי ער וויל, דארף איך שטיין ווי א סלופ און ווארטן ביז ער ענדיגט אדער ביז ער איז מודה אז ער קען נישט אליין...

איך האב זיך ארומגעדרייט עטליכע טעג מיט א ביטערע טעם אין מויל, ווי א הארטע קערל וואלט דארט געבליבן שטעקן. באשעפער! - האב איך געשריגן - איך געב זיך נישט קיין עצה, איך ווייס נישט וואס צו טון דא, ווי אזוי האנדלט מען מיט אזא הארטע ביטערע קערעלע? ס'איז דאך נישט צו קייען און נישט צום אראפשלינגען!

איין מינוט?! א ביטערע קערעלע זאגסטו? האסט אזוי שיין ארומגערעדט ווי וויכטיג עס איז די ביטערע קערעלעך פאר אונזער וועלט, און דא פארשטייסטו נישט פארוואס דער באשעפער האט אריינגעלייגט ביי דיר אין הויז א הארטע ביטערע קערעלע, פון א אנדער מין...

אבער באשעפער! מיט די קערעלעך פון פרוכט ווייסט מען וואס מען דארף טון, יעדע סארט פרוכט איז באקאנט אוואו און וויאזוי מען דארף ארבעטן מיט דעם, און עס מאכן בליען. דא איז דא אלע סארט קינדער אין איין הויז, ווי אזוי קען איך וויסן אויב איך טו ריכטיג אדער נישט?

און וויפיל מאל איז די הארטע קערעלע נאך ביי מיר אליין? טיף טיף, אינעווייניג צווישן מיר און באשעפער, באהאלט זיך א ביטערע קערל, א שווערע מידה וואס איך ווייס נישט וואס צו טון, ווי אזוי זיך א עצה צו געבן און עס אויסארבעטן. און ווער רעדט נאך אויב עס שטעלט זיך נישט אפ ביי מיר, נאר איך דארף עס נאך אנטפלעקן ביי א קינד אויך...

נישט גענוג איך קען זיך נישט דערליידן, דארף איך נאך זען ווי מיין קינד מוטשעט זיך די זעלבע ווי מיר? פונקט דאס האט ער געדארפט ירש'ענען?

אז איך וויל אז מיינע קינדער זאלן וואקסן בדרך התורה, אז איך אליין וויל קענען אויספירן וואס עס שטייט אין די תורה, מוז איך פרעגן די צדיקים וואס וועלן מיר לערנען ווי אזוי. וואס יא צו זאגן, וואס נישט צו רעדן, ווי אזוי צו רעדן, און וואס צו פאדערן און וואס נישט.

די זיסע - ביטערע קערעלעך וואס איז באהאלטן אין אונז מענטשעלעך, דארף מען באוואסערן מיט אסאך אסאך תפילות, סיי פאר די גרויסע און אויך פאר די קליינע, נאר מיט תפילות קען עס וואקסן.

איך וואלט געדארפט פארענדיגן די ארטיקל מיט עפעס א וואונדער, אדער א אויסטערלישע מעשה פון תפילה, ווי אזוי דער קינד האט זיך געטוישט, אדער ווי אזוי איך רעג זיך מער נישט אויף... אבער... איך ווייס נאכנישט.

איך ווייס נאכנישט ווי אזוי, נאר איך גלייב אז אויב איך גיי נאך א צדיק, וועל איך נאך איין טאג זען זיסע פירות...

ווען איך קוק אויף צוריק זע איך אז נאר די וועלכע זענען נאכגעגאנגען א צדיק האבן זוכה געווען איבערצולאזן א שיינע פראכטפולע בוים, וועלכע געבט ארויס יאר נאך יאר, גוטע קרעפטיגע פרוכט...

# קינדער היים



קאליר דעם בילד - שרייב טישל



## די בחורים שטייען

- געב א שמייכל

# שרייב טישל

הייב אן ארייננצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן צו זען א בילד פון **דער רבי פון סאטמאר זי"ע**





בילד פון פארגאנגענע וואך: **מוהרא"ש זי"ע**

שיק אריין צום קינדערהיים ווי שיין דו האסט געקאלערט דעם פעידזש
און די שענסטע וועלן אריינגיין אין די קומענדיגע בלעטלעך אי"ה





רחל'ע יאקאבאוויטש


שרי שטיינבערג


מענדי פורסט


אליעזר שלמה לעווי


אדי היימליך

# היימיש

א
מעשה'לע
פונדערהיים
פארן
קינדערהיים

## די קעניגן פון קלאס

די מעשה איז איז אן אמת'ע פאסירונג וועלכע האט זיך אפגעשפילט אין די נישט ווייטע פארגאנגענהייט. די פרטים און נעמען זענען געטוישט צו היטן אויף די כבוד פון די באטרעפנדע. די לערע דערפון איז אבער זייער שטארק און דעריבער איז וויכטיג עס זאל ווערן געשריבן.

חנה רייזי איז אריינגעקומען אין שולע ווען זי איז געווען אין זעקסטע קלאס. זיי האבן זיך אריבערגעצויגן אהער צו א נייע געגענט. חוץ די געווענליכע שוועריגקייטן וואס א מיידל אין די יארן האט פון זיך איינגלידערן אין א נייע שטאט, איז עס פאר איר געווען ספעציעל שווער. חנה רייזי שטאלפערט, דאס הייסט זי האט שוועריגקייטן ביים רעדן. עס איז איר געווען גענוג שווער אין איר אלטע וואוינארט, אבער דארט האבן איר שוין אירע חבר'טעס געקענט, און זיי האבן ארויסגעוויזן מיטלייד און זענען גוט געווען צו איר. ווען חנה רייזי איז אריינגעקומען אין קלאס האבן איר די מיידלעך אויפגענומען מיט א גרויסע שלום עליכם. זיי זענען צוגעגאנגען צו איר און אנגעהויבן שמועסן. זיי האבן באמערקט אז חנה רייזי שטאלפערט, אבער זיי זענען געווען גענוג ערוואקסן און זיך אויפגעפירט צו איר זייער שיין. יעדער, חוץ רויזי. רויזי איז צוגעגאנגען צו חנה רייזי מיט א ברייטן שלום עליכם. רויזי'ס געשטעל, איר שטיין, איר גיין, אלעס האט געשריגן... גאווה!!

"און וויאזוי הייסטו?" האט זי הויך געפרעגט.

"ח..ח..חנ..חנה ר..ר...רייזי." האט זי שטאמלדיג געענטפערט.

"ח..ח..ח....ח...חנה...ר..ר...ר..ר.. יי..ז...ז..י..." האט רויזי הויך נאכגעמאכט און אויסגעשאסן אין א געלעכטער. די אנדערע מיידלעך האבן זיך אומבאקוועם אוועקגעשארט, זיך נישט וואגנדיג צו זאגן עפעס קעגן די קעניגן רויזי. חנה רייזי איז רויט געווארן און איר איידל געשטאלט איז איינגעגאנגען.

פאר רויזי איז געפָאלן די שפיל און זי האט עס נישט געהאלטן ביים נאכלאזן. פון יענעם טאג און ווייטער האט זי זיכער געמאכט כאטש איינמאל אין טאג צו שרייען הויך, "ח..ח..ח..ח..חנה...ר.ר...ר...ר...י....י.... זי! די איבעריגע מיידלעך זענען זיך אדער צולאפן, אדערליידער מיטגעלאכט פון שרעק אז זיי וועלן זיין די נעקסטע קרבן פון רויזי. חנה רייזי האט גלייך פארלוירן איר לעבנסלוסט און פרובירט אויסצומיידן רויזי ווי ווייט מעגליך. אבער רויזי האט אלעמאל זיכער געמאכט איר אפירצוזוכן און צאפן דאס בלוט. חנה רייזי האט, פארשטייט זיך נישט מיטגעהאלטן קיין קלאס פראגראמען, אקטיוויטיס אדער טריפס. און אויב איינער האט איר יא פרובירט צו מקרב זיין האט רויזי זיכער געמאכט יענעם אפצושטעלן באצייטנס. "לאז אפ ח...ח...ח.נ...נ...ה...ר....ר... ריי...רייזי."

פרעגט מיר נישט פארוואס קיינער איז נישט אריבער צו די לערערין דערציילן און פארוואס חנה רייזי איז נישט אריבער



דערציילן פאר אן ערוואקסענעם וואס גייט פאר, אבער חנה רייזי האט געליטן און געשוויגן.

אזוי איז אריבער א וואך נאך א וואך און א חודש נאך א חודש. די מצב איז גארנישט געווארן בעסער און חנה רייזי האט געליטן און געשוויגן. אבער איר הארץ האט געבלוטיגט. זי האט זיך אבער צוריקגעהאלטן פון פארציילן פאר אירע עלטערן, נישט וועלנדיג זיי פארשאפן צער.

ווען די יאר האט זיך געענדיגט איז חנה רייזי אריבער צו איר לערערין און איר געבעטן אז זי וויל טוישן קלאס. די לערערין וועלכע האט נישט געוואוסט ווי געפערליך די מצב איז, האט געזאגט פאר חנה רייזי אז עס איז נישט כדאי. ווען זי האט געפרעגט חנה רייזי פארוואס זי וויל טוישן, האט חנה רייזי געצויגן מיט די אקסלען און זיך געשעמט צו ענטפערן. די לערערין האט עס אנגענומען ווי א הסכמה אז זי איז מסכים נישט צו טוישן און אזוי איז עס געבליבן. אזוי איז חנה רייזי אויסגעשטעלט געווארן צו נאך א יאר פון דערנידערונג און פיינונג.

איין יאר איז געווארן נאך איינס און חנה רייזי איז נאך אלץ געווען זייער בצער. עס זענען געווען לערערינס וועלכע האבן אביסל אויפגעכאפט וואס גייט פאר און האבן פרובירט צו רעדן צו רויזי און צו די מיידלעך אבער חוץ מאכן ערגער האט דאס גארנישט אויפגעטון.

ווען די מיידלעך האבן גראדואירט אכטע קלאס, האט חנה רייזי באשלאסן עד כאן. זי האט גענוג געליטן און געשוויגן. יענע נאכט האט זי זיך אראפגעזעצט מיט אירע עלטערן און זיי אלעס פארציילט. זי האט זיי פארציילט די שווערע יארן, די בושה, די פארשעמונג, די צער און די ווייטאג. אירע עלטערן זענען געווען געפלעפט. זיי האבן נישט געהאט די מינדעסטע השגה ווי שטארק זייער טאכטער ליידט. זיי האבן דאן געמאכט א החלטה ארויסצונעמען חנה רייזי פון די סקול און איר אריינלייגן צו א צווייטע היי-סקול.

אזוי איז טאקע געווען, חנה רייזי איז אריבער צו א נייע סקול. מען קען זאגן אז זי האט אנגעהויבן פון פריש, זי האט טאקע נאך געהאט פיל ווייען. די יארן פון דערנידערונג האבן געלאזט א שטארקע רושם אויף איר פארווייטאגטע זעל און זי האט געהאט שוועריקייטן אנצוקניפן חברותא און אנטייל נעמען אין א שמועס. אבער זי האט געהאט א גוטן קאפ און שנעל אויפגעכאפט די לימודים. די מיידלעך האבן זיך אויפגעפירט שיין צו איר, אזוי ווי איידעלע אידישע טעכטער מיט א אידיש הארץ, און איר נישט געטשעפעט, זי האט אנגעהויבן צו שפירן א טעם אין לעבן. פון מאל צו מאל פלעגט זי נאך טרעפן די מיידלעך פון איר אלטע שולע און זיי פלעגן איר גריסן העפליך. זיי האבן נישט געוואלט זיין שלעכט צו איר, נאר זייער פחד פון רויזי האט איבערגעשטיגן זייער מענטשליכע געפילן.

אין א טאג, האט זי געטראפן צארטי, א מיידל פון איר אלטע קלאס, און צארטי האט איר פארציילט אומגלויבליכע נייעס. רויזי, די קעניגן, האט אנגעהויבן צו שטאמלען אויף א געפערליכן אופן! און יעדער האט געוואוסט אויף זיכער די סיבה דערצו.

עס איז אריבער א שטיק צייט און חנה רייזי האט געהערט מער און מער גריסן פון רויזי. זי האט ממש נישט געקענט ארויסברענגען א ווארט פון מויל. איין טאג האט א מיידל אפילו געגעבן די טעלעפאן פאר רויזי צו רופן חנה רייזי בעטן מחילה. זי האט טאקע נישט געקענט ארויסברענגען א קלארע ווארט. זי האט געשטאמלט פיל מער ווי חנה רייזי. אבער ווען חנה רייזי האט געהערט איר קול האט זי אראפגעקלאפט די טעלעפאן. עס איז איר צו שווער געווען. זי האט נאך געהאט פיל פיינפולע זכרונות און זי האט נישט געקענט צוריקטראכטן פון יענע יארן.

איין שיינעם טאג ווערט חנה רייזי גערופן צום מנהלת'ס אפיס. מיט א קלאפעדיג הארץ האט זי אנגעקלאפט אויף די טיר. ווי איבעראשט און ערשיטערט איז זי געווען

# היימיש

צו טרעפן דארט נישט קיין צווייטע ווי איר אלטע מנהלת. ווען חנה רייזי האט איר דערזען האט א שטראם פון ווייטאגליכע זכרונות פארפלייצט אירע געפילן. די צער און איינזאמקייט פון יענע יארן זענען איר געשפרינגען פאר די אויגן ווי א ווילדע שדים טאנץ. חנה רייזי האט פארמאכט אירע אויגן און א בלאסקייט האט ארומגענומען איר געזיכט. אירע ליפן האבן אנגעהויבן ציטערן און זי האט געשפירט ווי זי פאלט אונטער.

חנה רייזי האט זיך אויסגעדריידט און אנגעהויבן לויפן. זי איז געלאפן ווי די פיס האבן איר געטראגן אן מחשבה דערביי. זי האט געוואלט אנטלויפן פונעם פארגאנגענהייט. ווען זי האט זיך געכאפט וואס זי האט געטון איז שוין געווען צו שפעט. זי האט זיך אנידערגעזעצט מאכטלאז אויף א שטיין אין הויף און א בושה האט איר ארומגענומען. ווי פאסט עס דען פאר אזא ערוואקסן מיידל צו אנטלויפן ווי א גנב פון א מנהלת'ס אפיס?

עס זענען אריבער געציילטע מינוטן און די מנהלת איז ערשינען אין הויף. חנה רייזי האט מורא געהאט אז מען וועט איר גאר פארשיקן פאר די חוצפה, אבער די מנהלת האט געשמייכלט צו איר און איר איינגעלאדנט צוריקצוקומען אין אפיס... "אליינס... אן די געסט." האט זי ווארעם געזאגט.

בלית ברירה איז איר חנה רייזי נאכגעגאנגען. ווען די טיר האט זיך פארמאכט אונטער זיי האט די מנהלת זיך אנידערגעזעצט און געהייסן חנה רייזי טוען די זעלבע. "פארצייל מיר." האט זי ליבליך געזאגט. און חנה רייזי האט פארציילט. צום ערשט די טריקענע פאקטן און דאן זענען געקומען די טרערן. שווערע, ווייטאגליכע טרערן. טרערן פון יארן פון איינזאמקייט און איינגעהאלטענקייט, טרערן פון פחד און יאוש, טרערן פון א מיידל וואס איז געווען אין א תפיסה פון א צווייטן. זי איז געזעצן אזוי קעגן די מנהלת און געוויינט ווי א קינד. די טרערן האבן איר געשווענקט און גערייניגט. די מנהלת האט נישט גערעדט. זי האט איר נאר אויסגעהערט מיט מיטלייד און מיטגעפיל. פון צייט צו צייט האט זי געשאקלט די קאפ מיט פארשטענדעניש און געגעבן א קרעכץ. צום סוף האט זי געזאגט, "איך פארשטיי דיר. עס איז דיר זיכער געווען אזוי שווער די אלע יארן." חנה רייזי האט געשאקלט מיט די קאפ און איז געבליבן זיצן שטיל.

אפאר טעג דערויף האט די מנהלת ווידער גערופן חנה רייזי. דאסמאל האט זי גערעדט צו איר איבער די גרויסקייט פון מחילה. "איך ווייס אז עס איז דיר יעצט זייער שווער, אפשר אוממעגליך צו טראכטן דערפון, אבער לאמיר מאכן תפילה אז די געדאנק פון איבערבעטן זאל בכלל אריינקומען אין קאפ."

די מנהלת האט גערעדט צו איר אז זי זאל דאס אויסשמועסן מיטן אייבערשטן טאג נאך טאג און אים דערציילן די ווייטאג, און אזוי וועט זי קענען צוקומען צו טראכטן פון אזא געדאנק פון מחילה.

נאך א שטיק צייט פון אסאך אויסוויינען צום אייבערשטן די גאנצע פרשה, האט חנה רייזי ענדליך געטראפן די כוחות אין זיך, צו פארקוקן די פארגאנגענהייט. זי האט זיך געשטארקט צו געדענקען אז רויזי איז סך הכל געווען א שליח פון באשעפער. חנה רייזי האט שוין אפילו געטראפן די כח אין זיך, צו בעטן דעם אייבערשטן אז רויזי זאל האבן א רפואה שלימה.

די וועלט זאגט אז אמת'ע מעשיות זענען דאס מערסטע אינטערעסאנט. קען זיין אז דאס איז ווייל זאכן וואס פאסירן אין די ווירקליכקייט זענען צומאל מער ווי סיי וואס א שרייבער קען פאנטאזירן...

יענע וואך האט חנה רייזי באקומען די אומגלויבליכע ידיעה אז רויזי'ס שטאמלען איז ממש ווי פארשוואונדן איבערנאכט. יעדער האט זיך געוואונדערט, חוץ חנה רייזי, וועלכע האט געוואוסט אז יש דין ויש דיין, עס איז דא א חשבון אויף אלעמען.

די מנהלת האט מיט די רשות פון חנה רייזי פארשפרייט די מעשה צוליב די שטארקע און קלארע מוסר השכל וואס דאס לערנט אונז ארויס.

דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט אונז כסדר אז דער אייבערשטער איז זייער נאנט צו א צובראכן הארץ און ח"ו אויב מען מאכט א צווייטן וויינען.

אפאר וואכן צוריק האט זיך אפגעשפילט א מעשה אין א קלאס אז מען האט ווי געטון א מיידל. דער ראש ישיבה שליט"א איז דאן אריין אין קלאס און זיך זייער צופייערט, "צו וואס דארף איך א בית פיגא אויב מיידלעך טוען זיך ווי איינער דעם צווייטן?! מען קען פארמאכן די סקול!"

מיר דארפן זיך מחזק זיין און בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן ח"ו קיינמאל נישט ווי טון אנדערע, נישט קיין חבר'טעס, געשוויסטער און חלילה לעררינס.

עס איז דא א באשעפער אויפ'ן וועלט. ער ווייסט, זעט און רעכנט אלע מעשים פונעם מענטש. לאמיר פון יעצט בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קיינמאל נישט ווייטון א צווייטן, דעמאלט וועט אונז דער אייבערשטער דעמאלט געבן אלעס גוטס וואס מיר דארפן נאר.

# דעם רבי'נ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי האט געזאגט: "דורך פאטשן און קלאטשן ברענגט מען אויף זיך אוירא דארץ ישראל"

## ברסלב'ע חידות

**דער טשערינער רב ז"ל האט געזאגט פאר איינעם פון אנשי שלומינו ווען א מתנגד האט אים פארשעמט: "_____ איז אונזער זאך"**

א. בושה
ב. מעורר זיין
ג. שווייגן
ד. תשובה

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער ר' נתן האט געזאגט: ווען איך ווייס שוין אלע עצות און אלע תחבולות ווי אזוי ניצול צו ווערן פונעם יצר הרע קומט דער יצר הרע מיט א פרישע וועג וואס איך האב נישט געטראכט אז ער וועט קומען

## געב א שמייכל

**פארוואס זעט מען לעצטנס די בחורים שטייגן מער און מער?**

"ווייל זיי דרייען זיך ארום מיט לייטערס אין טאש...

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט



## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** – חלק שני

**יא. עַל יְדֵי שֶׁאֵין מוֹדִיעִין אֱלֹקוּתוֹ לְאֻמּוֹת הָעוֹלָם, עַל יְדֵי זֶה אֻמּוֹת הָעוֹלָם מְסִיתִין וּמַדִּיחִין אֶת יִשְׂרָאֵל לֵילֵךְ בְּחָכְמוֹת חִיצוֹנִיּוֹת.**

אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט פַאר דִי גוֹי'אִישֶׁע פֶעלְקֶער אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס פִירְט דִי וֶועלְט, דָאס מַאכְט אַז דִי גוֹיִם זָאלְן צוּרֶעדְן דִי אִידְן צוּ גֵיין מִיט זֵייעֶרע פְרֶעמְדֶע חָכְמוֹת.

# יאָרצייט פון די וואָך

דער הייליגער

## רבי ישראל סאלאנט

זי"ע

יארצייט:
כ"ה שבט

דֶעם קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג כ"ה שְׁבַט גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם גְרוֹיסְן צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְט אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין דִי שְׁטָאט לִיפְּקִין, לִיטָא. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן זַיין גְרוֹיסְן רֶבִּי, רֶבִּי יוֹסֵף זִינְדְל פוּן סַאלַאנְט זצ"ל.

עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרוֹיסֶע לִיטְווִישֶׁע גְדוֹלִים, וָואס הָאבְּן שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶער יְשִׁיבָה וֶועלְט צוּ לֶעבְּן מִיט תַּכְלִית אוּן צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מִיר זֶענֶען נָאר דָא פַאר אַבִּיסְל, אוּן בַּאלְד גֵייעֶן מִיר שׁוֹין צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶר הָאט זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען זַיינֶע תַּלְמִידִים צוּ זֶען גֶעטְלִיכְקֵייט אִין אַלֶעם, דָאס מֵיינְט אַז מֶען זָאל זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶעס וָואס עֶס פַּאסִירְט. אוֹיךְ הָאט עֶר שְׁטַארְק אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין זַיינֶע תַּלְמִידִים אַז מֶען זָאל זִיךְ אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן יֶעדֶער זַאךְ לְעוּבְדָא לְמַעֲשֶׂה, וָואס מִיר קֶענֶען זִיךְ לֶערְנֶען אוּן בֶּעסֶער וֶוערְן דֶערְפוּן (אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט פוּן אוּנְז). פוּן יֶעדֶער זַאךְ וָואס גֶעשֶׁעט זָאל מֶען זֶען, "וָואס קֶען אִיךְ זִיךְ לֶערְנֶען פוּן דֶעם צוּ זַיין אַ בֶּעסֶערֶער אִיד?"

...

עֶס אִיז שְׁפֶּעט אוֹיפְדֶערְנַאכְט. דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער בַּאמֶערְקְט אַז זַיין רֶעקְל אִיז צֶערִיסְן. "אוֹי, אַ תַּלְמִיד חָכָם טָאר דָאךְ נִישְׁט גֵיין מִיט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער," טְרַאכְט עֶר צוּ זִיךְ. שְׁנֶעל, שְׁנֶעל יָאגְט עֶר זִיךְ אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר נָאךְ טְרֶעפְן דֶעם שְׁנַיידֶער בַּיי דֶער אַרְבֶּעט?

עֶר גֵייט אַרִיבֶּער דִי גַאס אוּן עֶר זֶעט פוּן דֶער וַוייט אַז יָא, בָּרוּךְ הַשֵׁם, דִי לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ בַּיי אַיְיזִיק, דֶעם שְׁנַיידֶער.

דֶער צַדִיק קְלַאפְּט אַרַיין שְׁטִילֶערְהֵייט. עֶר וִויל נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן קֵיינֶעם פוּן שְׁטוּבּ. עֶס הֶערְט זִיךְ אַ גֶערוֹישׁ. דֶער שְׁנַיידֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אוּן קוּמְט קוּקְן פַארְוואוּנְדֶערְט וֶוער עֶס קְלַאפְּט אַזוֹי שְׁפֶּעט.

עֶר עֶפְנְט אוֹיף דִי טִיר אוּן זַיינֶע אוֹיגְן עֶפֶענֶען זִיךְ בְּרֵייט. "וָואס בְּרֶענְגְט אַהֶער דֶעם רֶבִּי אִינְמִיטְן דֶער נַאכְט? וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?"

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל וַוייזְט אִים אוֹיף דִי צֶערִיסֶענֶע רֶעקְל אוּן פְרֶעגְט אִים, "צוּ וָואלְט נָאךְ גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ דָאס צוּ פַארְרֶעכְטְן הַיינְט?"

דֶער שְׁנַיידֶער גֶעט אַ קוּק אוֹיף דֶעם לִיכְט וָואס צַאנְקְט אִין דֶער זַייט אוּן זָאגְט פַאר רֶבִּי יִשְׂרָאֵל, "קוּק אַהֶער, וִוילַאנְג דָאס לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ דָאס פַארְרֶעכְטְן."

וֶוען רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּקָאכְט מִיט דִי וֶוערְטֶער אוּן גֶעהַאט דֶערְפוּן אַ שְׁטַארְקֶע הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, דָאס הֵייסְט, עֶס הָאט אִים אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן דֶערְמַאנְט תְּשׁוּבָה צוּ טוּן. דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטוּבּ הָאבְּן שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז רֶבִּי יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ אַ גַאנְצֶע נַאכְט גֶעדְרֵייט אִין שְׁטוּבּ אוּן אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער, "וִוילַאנְג דָאס לִיכְט בְּרֶענְט קֶען מֶען פַארְרֶעכְטְן. כָּל הַזְּמַן הַנֵּר דּוֹלֵק אֶפְשָׁר לְתַקֵּן."

דֶער צַדִיק הָאט אוֹיף דֶעם גֶעזָאגְט אַז וִוילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ, וָואס אוּנְזֶער נְשָׁמָה אִיז גֶעגְלִיכְן צוּ אַ לִיכְט, לֶעבְּט נָאךְ, קֶענֶען מִיר פַארְרֶעכְטְן אַלֶע אוּנְזֶערֶע עֲבֵירוֹת.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט אַמָאל אַדוּרְךְ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ טוּט אַמָאל אַן עֲבֵירָה, אָבֶּער דִי צַדִיקִים לֶערְנֶען אוּנְז אַז יֶעדְן טָאג קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן. מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען זָאגְט פַאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען גֵייט דָאס מֶער נִישְׁט טוּן. וִוילַאנְג מִיר לֶעבְּן קֶענֶען מִיר נָאךְ פַארְרֶעכְטְן.

אוּנְזֶערֶע צַדִיקִים הָאבְּן פוּן יֶעדֶע פַּאסִירוּנְג אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ שֵׁיינֶע לִימוּד וָואס קֶען אוּנְז בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

אַמָאל הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער פַארְוָואס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְּן צְוֵויי אוֹיגְן. אֶפְשָׁר וָואלְט גֶענוּג

נאמען פון שרייבער

גֶעוֶוען אֵיין אוֹיג? הָאט דֶער צַדִיק גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז אוּנְז צוּ דֶערְמַאנֶען אַז מִיט אֵיין אוֹיג דַארְף מֶען כְּסֵדֶר קוּקְן גוּטְס אוּן זֶען דִי גוּטְס אִין יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַרוּם זִיךְ. מִיט דִי צְוֵוייטֶע אוֹיג דַארְף מֶען אַרַיינְקוּקְן אִין זִיךְ אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, "וָואס דַארְף אִיךְ זִיךְ נָאךְ פַארְרֶעכְטְן?"

"לֵיידֶער," הָאט רֶבִּי יִשְׂרָאֵל אוֹיסְגֶעפִירְט, "טוּעֶן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן פּוּנְקְט פַארְקֶערְט. מִיט דִי אוֹיג וָואס דַארְף אַרַיינְקוּקְן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת אוּן חֶשְׁבּוֹן הַנֶפֶשׁ, מִיט יֶענֶע אוֹיג קוּקְט מֶען נָאר אוֹיף יֶענֶעם."

מֶען קוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען טְרַאכְט, "עֶר דַארְף זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. אוּן עֶר דַארְף זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן מִיט כִּיבּוּד אָב וָאֵם."

אוּן מִיט דִי אוֹיג וָואס דַארְף קוּקְן גוּטְס, קוּקְט מֶען נָאר אוֹיף זִיךְ, "אִיךְ בִּין גוּט. אִיךְ בִּין נִישְׁט שׁוּלְדִיג. אִיךְ בִּין גֶערֶעכְט."

אָבֶּער אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף נוּצְן דִי אוֹיגְן צוּ קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אֵיין מָאל אִין טָאג מַאכְט מֶען הִתְבּוֹדְדוּת.

דָאס אִיז דִי צַייט וֶוען מֶען זָאגְט פַאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. אִיךְ וִויל נִישְׁט זָאגְן לִיגְנְט, אִיךְ וִויל נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, אִיךְ וִויל נָאר רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ מַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע..."

מִיט תְּפִלָה וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אוֹיסְצוּוַואשְׁן אוּנְזֶערֶע אוֹיגְן אוּן אַלֶע אוּנְזֶערֶע אֵיבָרִים אַז מִיר זָאלְן זֶען נָאר גוּטְס אִין זִיךְ אוּן אִין אַלֶע אִידְן.



# קליין און שיין



יואליש ראטה



חי' אסתר יאקאבאוויטש



יוטי שטיינבערג



יוסי לונגער



יעקב יודא ראטה
קרית ברסלב



יעקב צבי ראטה
בית שמש



ישראל דוד און אברמי וויינבערגער



משה'לע אין קאסטן
משפחת ווערטהיימער



משפחת ווערטהיימער



משפחת זוסמאן



אליעזר שלמה שניצלער



פייגי עקשטיין



פייגעלע פרידריך




פייגעלע יאקאבאוויטש



אליעזר שלמה שניצלער



אדי און אסתי היימליך



תלמוד תורה טבריה



חני אפפעל און שרי שווארץ



משפחת הערצאג – שבת שירה



שרי פריינד און גיטי ראטה



משפחת יאקבאוויטש – מכת ברד



משפחת יאקאבאוויטש – מכת בכורות



שלום יוסף



מאיר



נתנאל



שלמה זלמן



מענדי



ישראל שלום



יוסף




פרידריך – התחלת משניות כיתה ג'



משפחת מזרחי – דם בלוט



שלום הערשקאוויטש



קינדערגארטן שטעטל



משפחת וועבערמאן – שבת שירה

# געמאלן

א מעשה פון תפלה




געמאלן: רבקה יאקאבאוויטש תחי'

געמאלן: אדל קליין תחי' - צפת


שיקט אריין אייער מאלעריי צו:
845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# טרעפליך

**טרעף די פאלגענדע בילדער 3 מאל**








געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**



# בלעטל פארמעסט

א גרויסן שכח פאר
אלע קינדער וואס האבן
אריינגעשיקט זייער בילד
צום פארמעסט, יעדע בילד
באזונדער איז הערליך שיין.
מען וועט זיך טרעפן מיטן
אייבערשטנ'ס הילף
קומענדיגן מאל

## די געוואונער ביי די חשובע לייענערס איז
**משפחת אינדיג**

19




משפחת אינדיג 24 האשקי
קרית ברסלב

## די געוואונער ביי די חשובע בלעטל שטאב איז
**משפחת סאמעט א"י**

15



משפחת סאמעט
בית שמש